יחיאל וואַרטמאַן

# אַרום אונדז

בילאַנס־פּרוּוו פון אַ דור

קאַפּיטלען:

ימים נוראים — די נייע רעפאָרמאַציע
יידיש
פּרק־אַסימילאַציע
אַן אָנמערקונג בלויז
וועגן סאָציאַליזם
עפּעס פון פּאַרטיי־פּראַקטיק
די ליטעראַטור און די ווירקלעכקייט
די ווירקלעכקייט — נאַקעט
און די ליטעראַטור אַליין
די „יסורים פון יונגן ווערטער" — דעם שרייבער

וואַרשע 1938

יחיאל וואַרטמאַן

# ארום אונז

בילאנס-פרווו פון א דור

1938 וואַרשע

Jakob Halbreich
1959
Tallinn

PRINTED IN POLAND

Bibliotheca
Universitatis
Tartuensis
1941:9790

ARUM UNZ

Jechiel Wortman

*Druk. „Renoma", Karmelicka 17.*

Jakob Halbreich
1959
* Tallinn *

# יָמים נוראים — די נײַע רעפּאַרמאַציע

פּאָרכטיק האָבן געפֿלאַטערט די גאַסן ערב יום־כּיפּור פֿאַר־
נאַכט, אין דער עלטערער יידישער געגנט פֿון וואַרשע, אין
גזשיבאָווער ראַיאָן. קיין איינציקער דורכגייער נישט, וואָס זאָל
איילן, נישט אומקוקנדיק זיך אויף רעכטס אָדער לינקס, ווי אין
די וואָכעדיקע האַנדלס־טעג דאָ. קיין איינציקער נישט, וואָס זאָל
געלאַסן, פּאַמעלעך אַדורכשפּאַצירן די גאַס, געניסנדיק פֿון אַ פֿרייער
שעה אינם רו־טאָג פֿון דער וואָך. ווי פֿון טיר און טויערן אויפֿגע־
פּראַלטע, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף די טראָטואַרן טשאַטעס
מענטשן אין שוואַרצן געקליידט, מיט טרויעריקע פּנימער. זיי האָבן
באַדעקט די גאַס, און דעם טריבן הימל פֿון אַ פֿאַרוואָלקנטן
האַרבסטיקן פֿאַרנאַכט געמאַכט שוואַרץ, ס'האָט געצויגן צום וויי־
נען, קוקנדיק אויף אים. אַלטע באָבעס אין טשעפּיקעס מיט שפּי־
ציקע הויבן פֿון פֿאָרנט, האָט עס געטראָגן גיך, ווי זייערע פֿיס
וואָלטן יינגער געוואָרן. אין די איינגעדאַרטע פֿינגער האָבן זיי
געקוועטשט מחזורלעך, פֿאַרהילטע אין ווייסע פֿאַטשיילעס.
מאַנסבילן, אויסגעגלייכטע, האָבן זיך געשאַרט יעדער מיט
אַ טלית־זעקל אונטערן אָרעם, אין אָפּגעטראָגענע מלבושים:
אַ שאָד געוועזן די בעסערע אין שול אַריין צו דער ענגשאַפט.
אַ טייל פֿון זיי אין די שיך און מיינסטנס אין קאַלאָשן — ווי אין
תשעה־באָב — וואָס האָבן אַרומגעלאַבערט אויף די פֿיס.
יונגע פֿאָרן, ער ראַזירט, זי מאָדיש אויסגעפּוצט, זענען אַריבער־
געגאַנגען די גאַס, פֿון איין טראָטואַר צום צווייטן, פֿון פֿעטער צו

מומען, אָנצוּווײנטשן און מיטנעמען אַלײן אַ װוּנטש. דער ערב יום־כּיפּור פאַרנאַכט, צו כּל־נדרי, האָט זיך געלײגט אויף דער גאַס, געלײגט געדיכט, קײן שפּעלטעלע פון אַ װאָכעדיקן טאָג אין יאָר האָט זיך נישט אַרויסגעזען.

דער געדאַנק האָט אײנגעגעסן מיך געמאַטערט, נישט אויפ־געהערט צו דערמאָנען: — דאָס ביזטו אין װאַרשע, אין צענטער שטאָט, אין אַ לעבעדיקן האַנדלס־ און אַרבעטס־צענטער, װאָס קאָכט אַ גאַנץ יאָר, בײטאָג און אויף דער נאַכט, און רוט נישט, װי דער סמבטיון. און נישט ערגעץ װוּ אין אַ עק, פאַרזונקען אין דער טיפעניש פון לאַנד. און איך האָב געזוכט אין אַלע זײטן, זיך אומגעקוקט איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס, װוּ זעט מען די עלף טויזנט מענטשן, װאָס האָבן ערשט נישט לאַנג אַזוי קלאָר דערקלערט, אַז זײ װילן אין דער קהלה האָבן זיצן פרײַע מענטשן, סאָציאַליסטן, אַז זײ װילן אַ פרײַע קהלה? — דאָס פרעגן איז נאָר געװען אַ רעטאָרישע שפּיל מיט זיך אַלײן, כאָטש ס׳איז גאָרנישט אַרויסגערעדט געװאָרן. דער ענטפער איז נאָך געלעגן בײ מיר אַ זיכערער פון פריער: — צװישן אַט די יידן מיט טלית־זעקלעך אונטערן אָרעם, גײען זײער פיל פון יענע עלף טויזנט. און ס׳איז גוט אַזוי, האָט דער געדאַנק געקרעפטיקט. נישט, װאָס זײ טראָגן נאָך די טלית־זעקלעך, נאָר װאָס זײ האָבן שוין קלאָר דערקלערט װי אויבן איז געזאָגט.

אָבער בלאָס און בין־השמשותדיק האָט זיך מיר דערמאָנט דער צו־כּל־נדרי־פאַרנאַכט, װען כ׳האָב צומאָרגנס צוגעזען דאָס אַהײמגײן פון די שולן נאָך נעילה. פון דער רײ טאַקסאָװוּקעס, װאָס איז געשטאַנען לענג־אויס דער שכנותדיקער גאַס בײ דער סינאַ־גאָגע, האָט זיך אײן טאַקסאָװוּקע נאָך דער אַנדערער צערוישט. אויפגעקאָכט און אַנטלאָפן אין אײליקער נעשװינדקײט. — דאָס האָבן צענדליקער סינאַגאָגע־מתפּללים, רײַכע אַסימילאַטאָרן, אויס־געלאָשענע יידן, געיאָגט זיך אַהײם אין ליכטיקע שטובן־פּאַלאַצן. און פון דאַנען געדיכטער אין דער יידישער געגנט אַרײן, אין נאַ־לעװוקער ראַיאָן, זענען געװען שװאַרץ די גאַסן. — פון בײדע זײטן טראָטואַר, פון יעדן צװײטן הויז האָבן זיך געשיט מענטשן פון

מנינים און שולן. פֿאַרלעך, פֿאַרלעך — ער אין הוט, זי מיטן בײטל אונטערן אָרעם — בײדע עלעגאַנט, בײדע מאָדערן. אַזעלכע פֿאַרלעך, מײל מיט דערוואַקסענע שול־קינדער נעבן זיך, האָבן געשטראָמט אהיים פֿון בײדע זײטן גאַס און אַ נעפּליסטער פֿון פֿױליש האָט זיך שױן געגאָסן אין דעם בלינדן חלל פֿון אַ טריבן האַרבסט־אָװנט.

איז׳ס אַ נאַטירלעך בילד בײ ײדן פֿון דער גרױסער שטאָט — אַזױ לעבט דאָס ײדישע באַלעבעסל, אַזױ לעבט דאָס ײדישע בירגערטום. נאָר מיר, אַ רעצידיװיסט, אַ פּראָװינצער, געדענקט זיך דװקא איצט, אַז ערגעץ װוּ אין אַ שטעטעלע טרײבט מען נאָך מן־הסתם אַרױס פֿון שטיבל דעם אפּיקורס, װאָס קומט צום דאַװנען — אין אַ געפּרעסטן קאָלנער. און ײנגלעך גרײטן זיך צו במשך פֿון יאָרן, ביז זײ נעמען זיך אָן מיט מוט און װאַרפֿן אַראָפּ דאָס פּלאַטשיקע הימעלע, װאָס דער טאַטע רופֿט עס אָן ײדיש, און ס׳איז בײ אים נאָך דעם, װי דער יונג זײנער װאָלט געװאָרן הפקר...
דאָ, אין דער גרױסער שטאָט, איז גאָט נישט אַזאַ „אל קנא ונוקם“. ער לאָזט זיך באַגנוגן מיט װאָס מען טײלט אים צו. די זײדעס, די פּיאָנערן אין יענע קלײנע שטעטלעך, האָבן אַ לעבן געקעמפֿט מיט די „מורדי אור“. זײ, די אור־אײניקלעך געניסן דאָ מיט באַלעבאַטישער טעמפּקײט די פּרוכטן פֿון יענעם קאַמף. דעם קאַמף אַלײן האָט מען אין דער ערד, צוזאַמען מיט די זײדעס...

ס׳זענען צװײ פֿאַרשידענע װעלטן פֿון דער ערשטער מינוט אָן: אין דער פּראָװינץ איז דער מאַמעס לשון צום קינד — ײדיש, ס׳קאַפּעטקעלע אַ לאַנגס, ס׳לערנען — אין חדר, און דער טאָג איז אױסגעפֿולט מיט דאַװנען. דאָ רעדט מען פּױליש צום קינד, זײן אָנצוגל איז אָן אײראָפּעיִשס, אָנשטאָט אַ חדר — די שול, און װענן דאַװנען הערט מען אפֿשר אַמאָל. היפּערט דאָס בחורל דאָרט אַביסל איבער דאָס דאַװנען, פֿאַרגלוסט זיך אים אַ שטיף צו טון פֿאַרנאַכט־צו, און ער פֿאַרגעסט װעגן מנחה — װערט ער שױן אַ גױ, גײט אין שלעכטע װעגן און דער טאַטע װעט שױן אױף אים „אכטונג געבן“. װאַקסט מען אונטער, און אין שװאַרצאַפּל פֿון אױג פֿאַלט אַרײן אַ שװאַרצער קאָפּ קורץ־געשױרענע האָר,

אַ זגראַבנע גופּל פון אַ מיידעלע, און ס׳ווילט זיך זיין נאָענט נעבן דעם, אַרומנעמען עס מיט דער האַנט אָט אַזוי (אַך, די ציין קלאַפּן אַזש פון ציטערניש...) — איז שוין די מלחמה אין שטוב אַן אָפּע־נע און פאַרביסענע. מוז מען אויף איינמאָל זיך אָפּרעכענען, און דער חשבון פאַלט אויס גרינגלעך. מ׳גייט אַוועק פון אָט דעם אַלעם: פון דער קאַפּעטע, פונם דאַוונען, פון שבת און פון יום־טוב — צום מיידל, צום בוך, צו דער ביבליאָטעק, צו אַ פרייען אָוונט — יונג צו זיין!...

דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, קומט עס פאָר אַנדערש. אין גימנאַזיע גייט מען אום שבת, מ׳שרייבט אום שבת. שטיפן, לאַכן און מיידלעך — וויפל דאָס האַרץ גלוסט. ס׳מישט זיך בכלל נישט אַריין קיין שום רעליגיעזער שטייגער אינם טאָג־טעגלעכן לעבן פונם קינד. פאַרווײַלונג, דערין אויך אַ דאַנסינג, טענץ — זענען אַ באַשטאַנדטייל פונם פאַרברענגען די פרייע צייט דורך די עלטערן. איז פסח די מצה מיט באָבעלעך און אַ גלעזעלע ווייַן דערצו גאַנץ געשמאַק צום גומען; ראש־השנה, דער חזן — אַן אַטראַקציע, די תפילות אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט. דערצו, ווען אונטערלענען דאָס האַרץ פאַרן אַוועקגיין אויף עטלעכע שעה צום דאַוונען — מעג מען זיך דאָ יאָ. אַבערגלויבישע מורא איז נאָך געבליבן אויף אַזויפיל, אַז ס׳קלעקט אויף צו פאַסטן אום יום־כיפור. די מאַמעס סקאַנדירן: תשובה פועלט. — מ׳איז ענלעך דערמיט צו קריסטן: אָנגעזעענע דאַמען גייען אויך ביי „זיי" זיך מתוודה זיין. — דאַוונען דאַוונט מען דאָך שוין לאַנג נישט, נאָר מ׳„מאָדליעט" זיך, ווי ס׳הייסט אויף פויליש...

סאַראַ לעכערלעכער געמיש. ווי ס׳הויזט אונטער איין דאַך עקסטע פרייקייט פונם שטייגער, מיט דער טראַדיציע פון אַ שבת־דיקער טשאָלנט־קישקע, פון אַ פורימדיקן טאָרט... ס׳איז איבער די מעגלעכקייט פון איין מענטש אָנצוציילן די פאַרשידענע משונהדי־קע פאַראַדאָקסאַלע באַציאונגען. ס׳קען געבן מאַטעריאַל אויף אַן ענציקלאָפּעדיע פון דעם געביט, ווייל וויפל בירגערלעכע שטובן, אַזויפיל וואַריאַנטן, אַזויפיל נוסחאות.

זענען מיר אין אַ חסידישער שטוב: דער טאַטע אַ חסיד (ראַ־

זירט און אין א קאפעלוש), די פרוי קען קוים איבערלייענען א יידיש וואָרט אין סידור. די קינדער דערציט זי אין פויליש. אין ברען פון סעזאָן פארלאָזט זי נישט דאָס געשעפט אום שבת, כאָטש ס'איז פון אויסנווייניק געשלאָסן. דער מאן איז נישטאָ. — אמאָל קען זי אייך דערציילן מיט שטאָלץ, (כלומרשט א שמייכעלע) — אז דער מאן איז אויף שבת געפאָרן צום רבין...

א יונג איידעמל אין אזא שטוב איז א פולער עלעגאנט: יעדן אָוונט אויף אויפנאמעס, אין א קינאָ אָדער טעאטער — מיט דער פרוי, אין א געזעלשאפט, און לויט אלע כללים פון דאמען־ערע. קומט שבת אין דער פרי, טוט מען אָן צום ראזירטן, פיין־אויסקרע־מירטן פנים א סאמעטן היטל, צו די פאָקסטראָט־שיך און נעפרעס־טע הויזן — א זיידענע קאפעטע, און מ'גייט אין דעם הילוך אראָפּ אין דער גאס אריין, ווי אלע קענען אים פון יעדן טאָג — אָבער ס'מאכט נישט: „אזוי" גייט מען צום דאווענען.

א „פראָסטע" שטוב: באַלמעלאָכעס, האַלבע סוחרים. — שבת ארבעט מען נישט. אין דער פרי גייט מען זיך אָפּראזירן. אהיימגעקומען, קען מען עפּעס איבערבייסן און אריינכאפּן זיך אין שול אריין דערנאָך דאווענען. נאָכמיטאָג מעג מען ארויספאָרן צו א באַקאנטן אויף דאטשע, גיין אין קינאָ — ס'איז דאָך פאָרט דער איינציקער פרייער טאָג אין דער וואָך...

ערשט ביי „פאָסטעמפּאָווצעס" — האַלבע אסימילאַטאָרן, דריי־פערטל אסימילאַטאָרן: די סדר־„קאָלאציע" פסח, אין די צי־לינדערס אויף די קעפּ, ביים טיש געדעקט מיט מצות און וויין. קיין ברויט קומט גאַנץ פּסח נישט אריין, די באָבעלעך פּרעגלט מען אויף חזיר־שמאַלץ גלאט פון געוויינהייט, ווייל מיינען מיינען זיי, אז ס'איז ביי זיי יום־טובדיק...

פונדעסטוועגן לאכט נישט פון אָט דער קאָפּלאָזער וועלט. — האַלט אייך דאָך איין. און אויפציטערן, אויסשרייען — ס'לוינט נישט אסור. — ס'איז ארום טויב און לײדיק. ווער בעט דען יענע פון דער פּראָווינץ צו נעמען אלץ אזוי טראַגיש, באַלד פון אָנהויב אָן? פריער די גאַנצע נשמה אוועקגעגעבן, שפּעטער, אז ס'הויבט

זיך אַן צו צעפאַלן — ביזן פונדאַמענט עס אַדורכקוקן און אַזוי־פיל וויטיקן? ווער וועט דען האָבן פאַר זיי אַ טראָפּן אָנערקע־נונג? יענע צייט פון משכּילים, אַפּיקורסים איז שוין לאַנג פאַרביי. ביזט „פריי" און האָסט אַ סך געלט — ביזטו אַן אָנשטענדיקער מענטש. טאָמער האָסטו נישט קיין געלט — מוזסטו זיין ווי מיר אַלע דאָ אַרום. אַז נישט, ביזטו גלאַט אַ פאַרשלעפּטע קרענק, אַן אומליִיט — װעגן קיין אַנדערע מעשׂיות דאַרף מען נישט וויסן. —

און דאָס לעבן איז פאַר זיי — מיט זיי. סאַראַ פאַרגעלטונג האָט ער דען דער פאַלקס־אינטעליגענט פאַר זיין טיפן איבערלעבן יעדן גערדאַנק, פאַר דעם מוזן זיין ערלעך צו זיך אַליין? צעריסענע טעג און נעכט פון בלאָנדזשען, דעם טרויער פון צופיל פאַרשטיין, די אָראָפּגעלאָזטע הענט צוליבן באַוווּסטזיין, אַז מ'איז מאַכטלאָז. קיין אמתע פולבלוטיקע פרייד, קיין האַלבע שעה נישט פון פולער פאַרגעסונג. ר. ראַלאַן האָט זיך לעצטנס אויסגעדריקט אין אַן ענט־פער צו אַ יונגן אַרבעטער־שרייבער, אַז קונסט־שאַפונג איז אַ לוק־סוס פאַר אומפאַרמעגלעכע. מיטן קריטישן פאַרשטאַנד איז זיכער אויך דאָס זעלבע — אויך ער איז אַ לוקסוס פאַר אומפאַרמעגלע־כע. מער נאָך: צוליבן פאַרמאָגן קריטישן פאַרשטאַנד, זענען זיי געוואָרן אומפאַרמעגלעך. ביי די באַלעבאַטים איז פאַמיליע — פאַ־מיליע, נחת פון קינדער — איז נחת, יום־טוב איז יום־טוב — צו הירזשען אַזש פון פרייד!

ס'איז דאָך דאָס אַלץ נישט אַזוי אָט אַ אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. מיין זכּרון שטעלט פאַר מיר איצט אַוועק אַן עלטערן מענטש, וועלכער האָט אַמאָל אין אַ שווערער מינוט צו מיר אַ זאָג געטון: ווייל איז דעם, וואָס גלייבט טאַקע בשלימות, אַז אַלץ איז פון הימל. — אין יענער רגע האָט זיך מיר דער מענטש, אַ למדן און אַ חסיד, אַנטפּלעקט גאָר פון אַן אַנדערער זייט. נאָר איך האָב אים דאָך קיינמאָל שפּעטער נישט געפרעגט, פאַרוואָס ער ענדערט נישט זיין פירונג. ווייל וואָלט מען אים צו־גענומען זיין פּחדיקן סדר: די ליכטיקייט, ריינקייט, דאָס גרייטן זיך דערצו וואָכן; דאָס ימים־נוראימדיקע דאַוונען, זיין אויסלעבן זיך אינעם ניגון פאַר אַן עולם, די מעגלעכקייט אויסצוגיסן דער־

ביי דאָס האַרץ פאַרן אומבאַוווּסטן — וואָלט ער געבליבן עלנט און פאַרביטערט.

דער מאַכט פון רעליגיע, דאָ וועט זיין נענויער זיך אויסצו־דריקן — דעם יידישן דת, האָבן זיי זיכער געטון אַ גוטס, די באַ־לעבאַטים. זאָל זיין אָן אַ באָרד און דאָך מיטן טלית־זאַק אין אַ שבת אַמאָל. איז אַ גאַנץ יאָר קיין תפילין נישט געליינט, אום שבת פאַרגעסן, אַבי אין די ימים־נוראים געדענקט. זאָל שוין דאָס קינד איינגאַנצן דערצויגן ווערן אויף פויליש — נאָר אַ בר־מצווה וועט מען פּראַוועו אַ פייערלעכן.

אַזוי שאַפט זיך אַ נייער שטייגער. שטילערהייט, כמעט אומ־באַמערקט קומט פאָר אַ נייע רעפאָרמאַציע אינם יידישן רעליגיעזן לעבן. און די רבנים זענען שוין אַזוי קלוג, אַז זיי פירן מיט איר קיין קאַמף נישט. זיי נעמען מילד אַרונטער אונטער די פליגל די דאָזיקע רעפאָרמירטע.

און אַ מזל זיי האָבן דאָס די גבירים! אויף אַ באַגעגעניש פון יידישן שרייבער מיטן לערער האָט ש. י. סטופּניצקי אַרויס־געלייענט ווי פון אַן אורטייל: ביי יידיש בלייבן נאָר די אומגע־בילדעטסטע שיכטן פון פאָלק, די נידעריקסטע. די מער געבילדע־טע גייען איבער צו פויליש, און די, וואָס גייען איבער צו פויליש, זענען מער קולטורעל. — דער יידישער לערער בלייבט טאַקע מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אויף זיינע פּאָזיציעס, דער יונגער יידישער שרייבער גייט דורך ממש געברענטע צרות, ביז ער ציי־טיקט זיך אויס. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך מיט איר אַנט־וויקלונג אויך נישט צו פאַרשעמען. — פונדעסטוועגן איז די פּוי־לישע קולטור מער פאַרצווייגט, רייכער, זי גיט מער מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זיך. און די, וואָס זענען אַוועק צו איר, שטייען אויף אַ העכערער קולטור־מדרגה.

---

# יידיש

ס'איז טאַקע גאָרנישט אַזוי איינפאַך מיט אונזער קאַפּיטל יידיש. לאָמיר אַ מיש אויף געבן באַדיי גלייך פון בראשית. האַלטן מיר ביים פּרינציפּ און דעם אָנגעווייטיקסטסטן פּונקט — מוטער־שפּראַך יידיש. איז ווי אַזוי מיר זעען אויס אויף דער פּאָזיציע, באַמערקט יעדער איינער. אַז זייער אַ קליינער פּראָצענט פון יידישע קינדער, אַפילו נישט די קינדער פון אַרבעטער־עלטערן, וואָס זייערע אָרגאַניזאַציעס שטייען דאָך אין קאַמף פאַר אַ יידיש־וועלטלעכער קולטור — בלויז די קינדער פון דער לעצטער אָרעמקייט, פון די אָפּגעשטאַנענסטע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג — ווערן דערצויגן אין יידיש.

מיר האָבן אויף אונזער זייט זיכער די אָרנטלעכסטע, איידלסטע און ראַציאָנעלע אַרגומענטן. קודם־כל: מיטן דערציען דאָס קינד אויף פּויליש, איז ווי מ'וואָלט זיך אַליין — אייגענע טאַטע־מאַמע געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים: — אָט האָט איר גאָר קיין שפּראַך נישט. איר זענט גאָר אַ באַנדע ציגיינער. אַקעגן זיידע־באָבע איז דאָך אַזאַ אייניקל זיכער אַ פרעמד פּריצל — זיי ברעכן זיך אויס די ציין צו רעדן צו אים אַ וואָרט.

צווייטנס: מיר האָבן מעכטיקע גוטע פריינט. זיי ווידמענען אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט אונזער קליין יידיש־גערטנדל. זיי שערן עס כסדר אַרום, ווי עפּעס אַ צווייגל וואַקסט אונטער פון דער זייט — ווערט עס באַלד אונטערגעשניטן. שיקט זיך אין אַזאַ לאַגע אַליין אויך אַריינצוּוואַרפן אַ שטיין אין דעם גאָרטן?

און פון דעם פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט איז פאַרן אויסבילדן זיך פון קינדס כאַראַקטער, פאַרן אויסשיילן זיך פון זיין פּערזענלעכקייט, בעסער, ווען דאָס קינד ווערט דערצויגן אין נאַטירלעכע באַדינגונגען. נישט קיין קינסטלעכע, נישט קיין אויפגעבלאָזענע. ווען די שפּראַך מיטן קינד איז אויך די שפּראַך פון טאַטע־מאַמע.

און דאָך קוקט מען אויף אַ מענטש, וואָס רעדט מיט זיין קליין קינד יידיש — ווי אויף אַ בייז וווּנדער. אַפילו יידענעס מיט

שיטלעך אויף די קעפּ, קענען זיך גאָרנישט אָפּחידושן — אָוואַ, ווי רעדט מען דאָס היינט מיט אַ קינד יידיש? — אַ דינסט־מיידל באַליידיקט זיך גאָר — זי מיינט, אַז מען האַלט זי שוין גאָר פאַרן לעצטן, אַז זי קען גאָר קיין פּויליש נישט. זי וועט אייך דווקא ענט־פערן אויף פּויליש, און ווייסט, ווער זי איז. בכלל רעדט מען וועגן אייך מיט אַ שמייכל — עפּעס אַ מאַנקאָליע — און איר ווערט גאַנץ ביליק...

די יונגע מוטערס האָבן אַ פולע מולטער מיט ענטפערס, און דאָ בין איך אויסן אונטערצושטרייכן, אַז מ'קען די ענטפערס נישט צו־נישט מאַכן. די וויכטיקסטע טענות זענען: שכנים, און דאָס שפּילן זיך פון קינד.

אויף דער פּראָווינץ, ווי אין גרעסטן טייל זענען יידן דער רוב פון דער באַפעלקערונג אין שטעטל, און מ'איז איינגעלעבט מיטן קריסטלעכן שכן נאָך פון זיידן און עלטער־זיידן — איז ייד אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט ווי קריסט, מיט אַלע באַזונדערקייטן, וואָס קומען נאָך דעם. איז גאַנץ נאַטירלעך, ווען אַ יידישע מאַמע וועט כאַפּן פאַר דער טיר אַ שמועס מיט איר קריסטלעכער שכנ־טע און בשעת־מעשה וועט זי צו איר קינד שמיצערן אויף יידיש. די שפּראַך פונם קינד איז יידיש, שפּעטער דאַרף עס זיך ערשט אויסלערנען פּויליש. אַנדערש איז עס אין וואַרשע, ווי דער אומ־באַקאַנטער קריסטלעכער שכן האָט פאַר זיך אַן אַנדערן סאָרט טאַ־טע־מאַמע, ווי דאָרט אויף דער פּראָווינץ. ער זאָל הערן, אַז פון דעם גאַנץ גוטן פּויליש, אין וועלכן די פרוי רעדט ערשט מיט אים, דרייט זי זיך אויס און שטראָפט אויס דאָס קינד אין אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, וואָס ער מערקט זיך, אַז ס'איז יידיש — וועט עס אים באַליידיקן, און דער פרוי וועט עס זיין זייער נישט באַקוועם. אַזוי אין טראַמוויי, אַזוי אויך אויף דער באַן. אַזוי אין אַ פּשוט געוועלב.

דאָס קינד וועט אונטערוואַקסן מיט אַ יאָר, וועט עס נישט האָבן זיך מיט וועמען צו שפּילן. דאָס דערציען די קינדער אויף פּויליש — איז דאָך שוין אַ פאַקט. ס'קינד וועט אַרויסקומען צו קינדער, מיט זיי זיך שפּילן — וועט ער זיי נישט פאַרשטיין און

זיי וועלן אים נישט פאַרשטיין. יידישע קינדער וועלן פון אים חוזק מאַכן, ווייל ער רעדט יידיש. אַנשטאָט שפּיל, וועט פון דעם אַרויסקומען אַ געשלעג. דאָס קינד וועט ווערן געשטויסן צו זיין אַליין — און דאָס טראָגט פיל געפאַרן פאַר דער נשמה פון קינד.

ווידער זענען מיר די גערעכטע, נאָר דאָס לעבן איז נישט מיט אונדז...

און ווענדן מיר זיך צו דער געשיכטע, רעדט זי אויך פאַר זיי. דער נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַוווּסטזיין ביי די פעלקער איז דאָך אַ דערשיינונג פון די לעצטע יאָרהונדערטער, פריער האָט דאָמינירט דער רעליגיע־סימן, ווער שמועסט נאָך ביי אַ פאָלק, וואָס איז געווען דער איינציקער אָפּנעמער פון זיין רעליגיע, און האָט זיך מיט איר צוזאַמענגעגאָסן. ביז מיר זענען געקומען צו יידיש, האָבן מיר דאָך אין יעדן לאַנד אויף אונזער געשיכטלעכן וועג, אויפגעשלאָגן אונזערע געצעלטן אין דער שפּראַך פונם לאַנד. און אַזוי האָט עס זיך אויך אָנגעהויבן מיט יידיש. נישט מער, דאָס איז פּונקט אויסגעפאַלן אין פעריאָד פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פון די פעלקער, און צוליב נאָך אַנדערע סיבות, איז דער גורל פון יידיש געווען שוין אַנדערש ווי פון די פריער אי־בערגענומענע דיאַלעקטן.

אונדזערע עלטער־זיידעס זענען צו זייער יידישן נאָמען אַליין געווען אויך גאַנץ קאַלט. אַנשטאָט יצחק אָדער לעבן אים, איז גע־קומען אייזיק, און אַ סך אַנדערע ביישפּילן. אַ רב אין מאָדענאַ (איטאַליע) האָט זיך גערופן: ר׳לעאָן (ליאון אריה די מודינה). אונזערע היינטיקע אַסימילאַטאָרן, האַלב, פּערטל און ציוניסטיש־אַסימילירטע האַלטן זיך, ווי מיר זעען, אין די גוטע טראַדיציעס פון יענע אַלטע צייטן. נאָר מיר, אַ מינדערהייט, שלאָגן זיך דורך אַ וועג פאַר אונזער נאַציאָנאַלן אייגנאַרט.

---

# פרק אסימילאציע

— איז גייען מיר צו אסימילאציע?

מ׳קען זיך עס מאכן גאנץ גרינג און פסקענען: יא. ס׳איז אבער גארנישט אזוי גרינג, ווי ס׳זעט אויס פון אויבן אויף. דער־ווייל פירט זיך נאך אט דער בירגערלעכער שיכט יידן — אריינ־גערעכנט אויך א הארעפאשנעם טייל, ווייל די גערדיכטע באלע־באטישע סביבה שטעלט דעם טאן — אין די רעמען פון א טרא־דיציאנעלן שטייגער, אפילו א פארוואסערטן, אבער דאך שטייגער. אמת, שוין זייער ווייניק, גאר שוואך קאן צוריקהאלטן אזא גייסטלאזע יידישקייט די טעכטער, וואס קענען נישט דאס יידישע פאלק פון דער געשיכטע און קענען עס נישט פון דער קעגנ־ווארט. אונדזער יידישע ליטעראטור איז זיי פרעמד. אין דער שול, אין וועלכער זיי האבן געלערנט, האט זייער נשמה געקריגן זאפטן פוילישע, געצויגן פון דער פוילישער געשיכטע, פונם לעבן פון פוילישן דארפישן פאלק, פון זיינע קאמפן, ווי זיי זענען וווּנדער־לעך באזינגען געווארן דורך די דיכטער־נביאים. א קליינער טייל, דער בעסערער, האט אויך ארויסגעפאנגען אלגעמיין־מענטשלעכע פערל פון דעם גאנץ שמאלן טייכל — נאר מיט אונדז האט אויך דאס אים נענטער־אייגן־נישט פארבונדן. אבער נאך דער שול קומט דאס לעבן. און אין לעבן: אפזונדערן זיך פון יידן, עקאנא־מיש זיי נישט ארויסלאזן פון זייער אייגענער סביבה. — זיי א דאקטאר, אן אדוואקאט, א באאמטער — ביי יידן. — בלייב א סוחר! — דאס לאזט נישט אוועקגיין, דאס האלט איין אין טאמנס שטוב, וואס די שווינדזיכטיקע יידישקייט אליין דארט, וואלט עס נישט בכח געווען צו באווייזן.

ס׳איז אויך פאראן אן אנדערע גרופע צווישן דער פויליש־רעדנדיקער יוגנט. דא מיינט מען די, וואס ווערט דערצויגן אין די ציוניסטיש־העברעישע גימנאזיעס מיט פויליש אלס לערן־שפראך. דאס יידישע פאלק, וואס דערשיינט פאר זייערע אויגן בעת די לעקציעס, זענען אלטערטימלעכע דארפס־לייט פון כנען, געשיל־דערט מיט עקסטאטישער נאציאנאלער פאנטאזיע און באלויכטן

מיט שטראַלן פון תנ"ך. דאָס איצטיקע יידישע פאָלק איז אַ גלות־פאָלק, פאַרקריפּלט און אויסגעקרומט. יידיש איז ווי זיין סימבאָל: אַ זשאַרגאָן, צוזאַמענגעקליבן פון הינטער אַלע טישן — אַ גלות־נאָכשלעפּעניש...

צוליב דער פאַראַכטונג צו דער קולטור פון די יידישע פאָלקסמאַסן, וואָס ווערט איבערגעטראָגן אויף די יידישע פאָלקס־מאַסן גופא, האָט מען אָט די יוגנט און אירע געשטאַלטיקער מצד די קרייזן פון די אַקטיווע יידישע קולטור־טוער — אָנגערופן אַסימילאַטאָרן. — אָבער ס'איז נישט ריכטיק. זיי זענען נישט אַסימילירט — זיי געהערן, ווי מען האָט דאָס איינגעזען איצט צו אַ באַזונדער מין „נאַש פּזשעגלאָנד־יידנטום". אָט די יוגנט באַקומט גראָד אין אירע שולן היפּשע פּאָרציעס פון נאַציאָנאַליזם. נאָר זייער נאַציאָנאַליזם איז דער נאַציאָנאַליזם פון דער יידישער בורזשואַזיע, געוועגדט מיט די אויגן — איז ער קיין מזרח, ער שטעלט אַלץ אויף דעם, וואָס דאָרט וועט אויפוואַקסן. אָבער אמת איז, אַז ווען אַ גרויסער טייל פון דער־אָ האָפענונג זאָל צוזאַמענבּרעכן, איז דער מין נאַציאָנאַליזם זיך גרייט אויפצולייזן אין אַסימילאַציע. ער איז דערצו פּרעדיסטינירט דורך זיין פאַראַכטונג צום יידישן פאָלקס־לעבן אין גלות...

נאָך דעם היסטאָרישן בראָך פאַרן הומאַניזם אין יאָר 1933, האָט ד"ר זילבערפאַרב אויפגענומען אַ דיסקוסיע מיט יעקב לעשטשינסקי וועגן קיום־פּראָגן פון יידישן פאָלק. אין מין נאָטיץ־ביכעלע פון יענער צייט געפינט זיך אַ ראַנדבאַמערקונג צו יענער דיסקוסיע: „לעשטשינסקיס אויספיר־פּונקט, ווי פריער ד"ר הערצלס — אַז יידן וועלן זיך נישט אַסימילירן, איז אפשר אַביסל פּריציפּיעל. די קראַנקענבערגס און בלאָכס אין פּוילן, אַזוי ווי ענלעכע פאַמיליעס אין דייטשלאַנד, אין דער צייט פון אויפבלי פון קאַפּיטאַליזם, האָבן זיך אינגאַנצן אַסימילירט אָן שום איבערבלייבעניש. קיין ברייטע מאַסן האָבן זיך נישט געקענט אַסימילירן, ווייל די טענדענץ פון קאַפּיטאַליזם איז — קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, פאַראָרעמערונג פון די מאַסן און פאַרשאַרפונג פון יעדן קעגנזאַץ. דערין ליגט די פאַרשאַרפונג פון נאַציאָנאַלן קעגנזאַץ

אין אינטערעס פון קאפיטאליזם אליין. מעגלעך, אז אין באדינגונ־גען פון א סאציאליסטישער מלוכה, וואס דאס הייסט: ברייטסטע מעגלעכקייטן פאר די ארבעטער־מאסן און שום נאציאנאלן אונ־טערשיד, וועלן זיך די יידישע מאסן אויך אסימילירן, פונקט ווי די גרויס־בורזשואזע פאמיליעס בלאך און קראנענבערג, וועלכע האבן געהאט אלע מעגלעכקייטן אין די פריי־צייטן פון קאפיטא־ליזם".

צו דעם וויל איך איצט צוגעבן: אין א סאציאליסטישער מלוכה וועט די רייכע קולטור פונם מערהייט־פאלק, ביי דער אומ־באגרענעצטער עקספאנסיע־מעגלעכקייט פאר יעדן יחיד, נישט גע־קוקט אויף זיין אפשטאם, זיכער אפציען גרויסע מאסן פון זייער אייגענער קולטור — זי וועט זיי אסימילירן. פון דער צווייטער זייט, די מעגלעכקייט אויפצובויען, צו אנטוויקלען און בארייכערן די אייגענע קולטור אין באדינגונגען פון פולסטער נאציאנאלער גלייכבארעכטיקונג, ביז צו א פארנעם, וואס איז נאך נישט גע־ווען און מיר קענען זיך אים גארנישט פארשטעלן. — די מעג־לעכקייט — וועט גרויסע שיכטן צוריקהאלטן אין די אייגענע נאציאנאלע גרענעצן, און וועט אויך וועקן דעם אינטערעס ביי דער פון פריער אסימילירטער אינטעליגענץ — צו געבן א קוק אויף צוריק און אמאל בלייבן פארוואונדערט...

---

# אן אנמערקונג בלויז...

מיר לעבן אין א צייט אן אנגעשטרענגטער, א פארסמטער. די, וואס פארברענען עפנטלעך אוצרות פון גייסט, די שענסטע ווערק פון מענטשלעכן טאלאנט און גאונות, די, וואס דערקלערן זיך פאר דעם אויסדערוויילטן פאלק אומצוברענגען און צעדריקן אלע אנדערע, די, וואס שאפן בלויז מארד־מכשירים — זיי האבן אונדז אויסגערופן פאר דעם שונא פון דער וועלט. זייערע פריינט

פון אַנדערע לענדער האָבן דעם רוף באַלד אויפגעכאַפּט -— ס'איז
אַ זעלטן מיטל, אַז דער עולם זאָל זיך גאַפּיען אויף אונדז און
נישט זען, וואָס אין דער אייגענער שטוב ס'טוט זיך. דערבײַ איז
דער וועג אַ לייכטער, אַן אויסגעטראָטענער, פּשוט: מ'האָט שוין
דאָס מיטל גענוצט מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק. דער עפעקט
איז דעריבער אַן אָנזעעוודיקער. ס'שפּרייט זיך אויס דער רויך און
זעצט זיך אין גאַנץ ווייטע ווינקעלעך. ס'קלעפּט זיך עפּעס צו.
אַ מענטש, וואָס האָט העלפט יאָרן אויסגעלעבט און זיך געפילט
פריי, געאָטעמט מיט דער גאַנצער קראַפט, הייבט זיך אים אָן צו
דאַכטן, אַז ס'איז אים ענג געוואָרן, ס'נעמט אים עמעץ צו אַביסל
לופט, אַ שטיקל פּלאַץ... ער הייבט אָן צו קלערן, אַז ס'איז שווער־
עפּעס צו וווינען הויז נעבן הויז מיט „פרעמדע" (ביז איצט זע־
נען זיי געווען גאָר נאָענט), ס'אַרט אים זייער רעדן. די פּעסט
מיידט נישט אויס אַפילו טייל סאָציאַליסטן: ס'האָבן זיך געהערט
לעצטנס שטימען מצד אַזעלכע אין פאַרטיידיקונג פון די אַסימי־
לאַטאָרן, נישט באַרירנדיק גאָרנישט די אַנטיסעמיטישע אַקציע
אין באַצוג צו די יידישע פאָלקס־מאַסן.

אונטער דער ווירקונג פון דעם אַרומיקן סם און פון זייער
שווערע נעשעענישן, קומט בײַ טייל פון אונדז אויף אַ שטימונג
פון רעזיגנאַציע, מ'ווייזט אַן אויסוועג: ס'איז אוממעגלעך אַ צו־
זאַמענלעבן, מ'דאַרף אָנהייבן אַליין פאַר זיך. מ'שטעלט אויך
אַ טריט ווייטער — דהיינו: אויסלעבן זיך פולשטענדיק נאַציאָ־
נאַל, קען מען נאָר, ווען מ'איז פאַר זיך אַליין.

דאָס לעצטע איז, אמת, אַ פאַרוויקלטע פראַגע. איך דערמאָן
זיך זייער אָפט אין די בעסטע פון אונזער יוגנט, אין דעם יונגן
נייעם יידיש־וועלטלעכן דור פון דער פּראָווינץ. ער לאַכט אָפּ פון
דער שטעטלשער אינטעליגענץ מ'שטיינס געזאָגט, פון איר פּוסט־
קייט און פלאַכער פּויליש־רעדעריי. נאָר ווי אַנטוויקלט און גע־
רעכט ער איז, אַז ער טרעפט זיך מיט דער דאָזיקער אינטעלי־
גענץ צוזאַמען, פאַרלירט ער זיך און ווערט אויסגעלאַכט. די
סיבה איז: צווייִשפּראַכיקייט. אַ שפּראַך פאַרלאַנגט, מ'זאָל זי

נישט פאַרנאַכלעסיקן. אַז מ׳אַנטוויקלט זיך אין יידיש, ווערט פּױ־ליש פאַרגעסן. ווי ווייט אַזאַ יוגנטלעכער זאָל נישט זעען די לע־כערלעכקייט פון יענער אינטעליגענץ, פילט ער זיך דאָך קעגן איר מינדערווערטיק, ווייל ער רעדט שוואַך פּויליש. דאָס מינדערווער־טיקייטס־געפיל קומט אויך צום אויסדרוק אין אונדזער יאָגן זיך נאָך אַן איבערגעטריבן־ריינעם אַקצענט אין פּויליש. דאָס האָבן מיר באַקומען אַ מתנה פונם יידישן אינטעליגענט אין אַמאָליקן רוסלאַנד, וועמען דער ריינער „אודאַר״ האָט פאַרטריבן אין די נעכט דעם שלאָף פון די אויגן.

— דאָס איז אַ קליינער ביישפּיל, נאָר צו דער פראַגע פון פולן נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך. מיר דאַרפן געדענקען, אַז גראָד האָבן די ציוניסטן פאַרוואָרפן די פעסטשטעלונג פון ד״ר פּינ־סקער, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אייביק, ווייל דער ייד איז אַ גע־שפּענסט פאַר די פעלקער. אָט די פעסטשטעלונג איז אויך געבוירן געוואָרן אין אַן ענלעכער צייט, ווי אונזערע: אין די 80־ער יאָרן... אויב מיר האָבן געזען, אַז אין דעמאָקראַטישע מלוכות האָבן זיך יידישע קבוצים אַסימילירט, זענען געווען קליינע קבוצים. מיר האָבן אָבער נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט צו געשטאַלטיקן דאָס לעבן פון אַ קאָמפּאַקטן, מאָדערנעם יידישן קיבוץ אונטער אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג, און נאָכצופאָלגן זיין אַנטוויקלונג. און דערביי דאַרף מען מיט דיקער פאַרב אונטערשטרייכן, אַז דער קולטור־ניוואָ פון אַ לאַנד שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל. די זעלבע דעמאָקראַטישע אָרדענונג אין אַ הויך־אַנטוויקלט לאַנד ווערט אויסגעווירקט אויף אַ העכערן שטאַפּל, ווי אין אַ לאַנד פון אַ ני־דעריקערער קולטור.

Ex bibl. univ. Tart.

# וועגן סאַציאַליזם

— צרהדיקער אינטעליגענט איינער — קען מען אייך אָנ־כאַפּן ביים אַרבל — צערייסט אַמאָל דאָס שפּינוועבס פון אייער איינזאַמקייט. באַהעפט אייך מיט די פּאַרייניקונגען פון מענטשן. וואָס ווירקן און קעמפן אַרום אייך. ס'אָרגאַניזירן זיך אַרבעטער צו פאַרטיידיקן זייער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט. ס'גיבן זיך די הענט יוגנט, אַרבעטער, פאָלקס־מענטשן און אינטעליגענץ צו פירן אַ קאַמף פאַר פרייהייט און לעבן. ווערט איינער פון זיי. איר וועט אַרום זיך פילן מענטשן. ס'וועט אַן אָטעם געבן מיט טאַט — אייער מרה־שחורה וועט אַנטרינען ווגהין דער פעפער וואַקסט. — אמתע ווערטער. וואָגיקע ווערטער. נאָר בכדי אָנצושליסן זיך אין אַ פאַרייניקונג פון מענטשן, מוז מען גלייבן, אַז מ'איז אַרויף אויפן ריכטיקן וועג, און אַז דער וועג פירט צום הייליקן ציל.

דערמאָנען מיר זיך די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, איר העראָיש איבערמענטשלעכן דראַנג אַרויף, ביז דער רעליגיע פון ריינעם פאַרנונפט. דערנאָך די פינסטערע פאַרוואַנדלונגען אי־רע און דאָס קאָלערן זיך באַרג אַראָפּ. איז געווען אַ פאַריזער קאָ־מונע, וואָס די איידלסטע פון אַלע פעלקער האָבן מיט איר אָנגע־פירט, און געקוקט אומדערשראָקן דעם טויט אין פּנים אַריין מיט דעם לויטערסטן גלויבן אין זייערע אויגן. האָבן זיי נישט אָנגע־רירט די קאַסע פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל־באַנק, ווייל אַזוי האָט זיי דיקטירט דער ריינסטער עטישער פּרינציפּ. די קאָמונע איז שפּעטער געפאַלן. טיער האָט דעם שונא, וואָס איז געגאַנגען אויפן פראַנצויזישן פאָלק, אַרויפלאָזן אויף פראַנקרייכס ערד, מיט זיין הילף „געזיגט". און אויסגעשאָסן, נישט אין קאַמף, נאָר ביי אַ וואַנט, צענדליקער טויזנטער וועזנס, אויף וועלכע מענטשן וועלן שטאָלץ זיין, אַז אַזעלכע האָבן אַמאָל געלעבט.

איז געקומען די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע. ניכטער, מיט אונטערגעקאָוועטע שטיוול. שוין נישט צו בלייבן קיין געפאַנגענע פון פּרינציפּן, וואָס לאָזן שטיין מאַכטלאָז. אַנטפּלעקט זיך נאָך צוואַנציק יאָר אַ שרעקלעכער אַבסורד. ער שטאַמט פון אַ יעזואי־

טיש חקירהלע: די באַשלוסן פון די פּאַרטיי־אינסטאַנצן זענען דאָך צום גונסטן פון לאַנד, פון זיין אַנטוויקלונג — געווענדט קעגן דעם שונא, וואָס לאָקערט פון אַרום. מסכים? אויב יאָ, איז ווער ס'האָט נאָר אַן אַנדערע מיינונג אין די פראַגן, ווי ס'האָט אויס־געדריקט די אינסטאַנץ, דער איז במילא אַ שונא פון לאַנד, גראָבט אונטער זיין אַנטוויקלונג. במילא איז ער אַ שפּיאָן פון פרעמדע מלוכות א. א. וו. דער אַבסורד ווערט אויסגעפולט אין זיין טראַ־גיזם מיט דער גאַנצער ניכטערקייט, מיט אַ קאָנסעקווענץ, וואָס האָט איר קאָפּ פאַרלוירן. ס'חזרט זיך איבער די פאַרוואַנדלונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלו־ציע...״

לאָמיר זיך אַלזאָ קלאָר מאַכן: די פּאַריזער קאָמונע, וואָס איז נישט אָפּגעטרעטן פון אירע ריינסטע פּרינציפּן אויפן וועג צום ציל, איז הויפּטזעכלעך צוליב דעם געפאַלן. די רוסישע רעוואָלו־ציע, וואָס האָט געוואָלט שפּאַנען צום ציל מיט אַ הארטקייט, ווי די פּראַקטיק פאַרלאַנגט עס, צוגעגרייט אַ פויסט קעגן פויסט — האָט אָט די האַרטקייט אָראָפּגעפירט פונם וועג די מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען אין שפּיץ...

און מיר וועלן אפשר פּרווון אויספירן: דער מענטשלעכער געדאַנק לויפט ווייט פאָרויס פאַר דער צייט, און פאַר דעם מענטשן אַליין. מ'טאָר נישט אָנרירן קיין פרעמדס, אַפילו ווען דאָס איז די קאַסע פון דער אייגענער נאַציאָנאַל־באַנק — אַ הויכע עטישע מדרגה, אַ גרויסע דערגרייכונג פון גייסט, נאָר די צייט איז עס נישט גורם — זי איז זיך נוקם דערפאַר. גייט מען פאַרווירק־לעכן אידעאַלן מיט מיטלען גענומען לויט דער מאָס פון מענטש, וואָס די מיטלען שטימען שוין נישט אַזוי מיט הויכער עטיק, זיי פּאַסן אָבער צו דער צייט — ווערט מען נכשל, פאַרפּלאָנטערט מען זיך אין דער נעץ, וואָס מען האָט אַליין אויסגעשפּינען. מ'איז דאָך נעמלעך נישט מער ווי מענטשן...

סאָציאַליזם, אין זיין גאַנצן פאַרנעם, אויף אַלע מענטשלע־כע געביטן, איז אַ גרויסע, אפשר די גרעסטע מענטשלעכע אידעע אויפן שטח פון דער געשיכטע. זי איז דאָס ווערק פון מענטש־

לעכן גייסט, וואס פליט ווייט פארויס פאר אונזערע מעגלעכקייטן. מיר קענען זי אפשר גארנישט דערגרייכן... דערווייל... אין פראנט־אנגריף האט מען אלנפאלס דעם סאציאליזם נישט געקענט נעמען. זאלן מיר גיין אפשר אויפן וועג פון די אייראפעישע דעמאקראטיעס, פון די מלוכות אין צפון. ס'הייסט: טון, וואס ס'איז מעגלעך. זייערע גרויסע טרוימער האבן נאך מיט צענדליקער יארן צוריק אנגעצייכנט א גרענעץ פאר „איבער אונזער קראפט"...

## עפעס פון פארטיי-פראקטיק...

אויף אט דעם וועג גייט מען אבער אויך נישט אליין. פארטייען, ארגאניזאציעס זענען די לעגיאנען אויף דעם שליאך. און זייער געשיכטע ברענגט אויך א סך באווייזן, אין וואס פאר א קרומען שפיגל ס'דערשיינט די פראקטיק פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט לגבי אירע אידעען. א סאציאליסטישע פארטיי, דוכט זיך, א נעסט פון פרייהייט, גלייכע און די ערלעכסטע באציאונגען סיי לגבי נאענטע, סיי אין באצוג צו ארנטלעכע קעגנער. פונדעסטוועגן איז גרינגער אדורכצופירן א העלפאנט דורכן לעכל פון א נאדל — לויט יענעם זעלטענעם משל — ווי דערווארטן זיך, אז דער יידישער „בונד" זאל צ. ב. אנערקענען אמאל אן אויפטו פון א קעגנערישער פארטיי. ס'וואלט שוין גוט געווען, ווען דערביי וואלט עס געבליבן. אין יאר 1936 האט די „פאלקסצייטונג" געמאלדן, אז אויפן ארבעטער־קאנגרעס צום קאמף מיטן אנטיסעמיטיזם זענען אויסגעוויילט געווארן מצדן ווארשעווער יידישן פען־קלוב אלס דעלעגאטן א. קאציזנע און י. פערלע. דא לעצטנס, נאכן טויט פון ב. סלעצקין, האט די „פאלקסצייטונג" געברענגט א נאטיץ וועגן זיין לעבנס־טעטיקייט, און האט פארענדיקט דערמיט, אז דער נפטר האט גרויסע פאר-

דינסטן פאר דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער גאנצער וועלט. און סך־הכל מיט דריי יאָר צוריק, ווען קאַ־ציזנע און קלעצקין האָבן אָנגעפירט מיט אַ צייטונג „פריינד", אויך אַ פּראָגרעסיווע און סאָציאַליסטישע, נאָר זי איז דעם „בונד" נישט געווען באַקוועם און נאָכמער, האָט זיך צוליב איר געפילט באַדראָט די „פאָלקסצייטונג" אין איר עקזיסטענץ, האָט מען איינס און צוויי דערקלערט, אַז דער „פריינד" איז געקויפט דורך דער רעגירונג; קאַציזנע, קלעצקין און אַ געוויסער קאָן (דער אַרויסגעבער), קורץ, „דריי קופּן"... זענען פּראָוואָקאַטאָרן. דאָס געזעלשאַפטלעכע געריכט, וואָס איז פאָרגעקומען, איז געוואָרן אויפגעריסן. פון קיין אַנדער געריכט האָט מען נישט געהערט. קיין וואָרט אויך נישט שפּעטער וועגן רעהאַביליטאַציע פון די פּערזאָנען — און פּלוצלינג, ווי ס'וואָלט קיינמאָל גאָרנישט גע־ווען — שרייבט מען וועגן די מענטשן אַזוי ווי זיי פאַרדינען דאָס באמת. האָט זיך שוין געטראָפן אַזאַ אמתע מעשה נורא אין דער יידישער פּרעסע, צווישן בירגערלעכע זשורנאַליסטן, וואָס דאַרפן דאָך זיין צעפּוילט, קיין אייגענע מיינונג נישט האָבן א. א. וו.?

ביים „בונד" געפינט זיך אויך מוט אָנצורופן „מאַכעריי־קע" אַ קולטור־קאָנגרעס, צו וועלכן ס'רופן ד"ר זשיטלאָווסקי, אָפּאַטאָשו, לייוויק, הירשביין א. אַ. דערפאַר, ווייל ער, דער „בונד", איז קעגן, און ס'נעמען אויך נישט אָנטייל די אינסטי־טוציעס, וואָס ער באַווירקט.

ווייטער „פּועלי־ציון", אַ פּאַרטיי, וואָס געהערט צום סאָ־ציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דער לאָזונג „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער" איז אַ געבאָט, אַ פונדאַמענט פון דער אידעע. דאָך קומט פאָר דער עיקר־קאַמף פון דער פּאַרטיי אין פּאַלעסטינע אַרום „כיבוש עבודה" — פּאַרטרייבן דעם אַראַבישן אַרבעטער פון יידישן פּלאַץ. קיין קשיות דאַרף מען נישט פרעגן — ס'וועט שטימען. די מענטשן וועלן שוין אויסזוכן מיט עפּעס דאָס צו פאַרענטפערן...

כ'בין דאָ זיכער קיינעם נישט אויסן פּערזענלעך, כ'קען פונ־דעסטוועגן נישט אויסמיידן אַזאַ „קליינע" געשעעניש. ד"ר יחיאל

האַלפּערן, אמנון, איז פון לאַנגע יאָרן באַקאַנט אַלס פּועלי־ציוני־
סטישער טעאָרעטיקער. אין די יאָרן 27—28, פּונקט נאָכן צוזאַ־
מענבּרוך פון דער דריטער עליה, ווען די ציוניסטישע טישן זענען
געווען זייער אָרעם, טרעפן מיר אים פּלוצלינג אַרומפּאָרן אַלס
לעקטאָר צו בּונדישע אינסטיטוציעס. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער,
ווען ס'הייבּט זיך אָן דער גרויסער „פּראָספּעריטי״ אין פּאַלעסטי־
נע, טרעפן מיר אים צוריק בּיי די פּועלי־ציון און אַזוי ווי מיר
האָבּן נישט געוווּסט, ווי אַזוי ער איז אַוועקגעגאַנגען פריער, אַזוי
ווייסן מיר נישט, ווי אַזוי ר'איז צוריקגעקומען. קיין אויפקלערונג
זיינע, אָדער פון די פּאַרטייען וועגן דעם האָבּן מיר נישט גע־
לייענט. און אַזאַ מעשה איז אויך פּאָרגעקומען מיט אַ צווייטן
פּועלי־ציוניסט, ד. בּ. מאַלקין, וואָס איז היינט אין פּאַלעסטינע.
איך צווייפל, צי אַ פּשוטער אַרבּעטער אויף זייער אָרט, וואָלט
אויך געפינען אַזאַ בּרייטע טאָלעראַנץ בּיי בּיידע פּאַרטייען.

אויף אַ נאָווינע האָט זיך די לינקע פּועלי־ציון געשפּאָלטן.
יצחק לעוו איז אַוועק מיט אַ גרופּע „אַקטיוויסטן״ — זיי האָבּן
זיך איבּערגערוקט נענטער אויף רעכטס אינם ציוניזם. נאָר צופעֿ־
ליק איז דאָס פּאָרגעקומען אין דער צייט, ווען קיין פּאַלעסטינע
איז פון פּוילן געגאַנגען אַ גרויסע עמיגראַציע, און „סערטיפי־
קאַט״ איז געוואָרן אַ היימיש וואָרט אין פּאַראָרעמטע ידישע
שטובּן. אַבּיסעלע שפּעטער, ווען די אומרוען פון זומער 1936
האָבּן די אויסוואַנדערונג קיין פּאַלעסטינע איבּערגעריסן, און צו־
האַרבּסט־צו האָט פּאַרשמעקט מיט אַ מאַנדאַט אין דער יידישער
קהלה — איז געמאַכט געוואָרן אַ שטריך איבּער דער שפּאַלטונג;
די אַקטיוויסטן און די אייגנטלעכע לינקע פּועלי־ציון האָבּן מיט
מזל אַריינגעפירט י. לעוון אַלס ראַטמאַן אין דער קהלה.

איר מעגט גלויבּן, אַז אויך דאָ האָט מען אין דער פּאַרטיי־
פּרעסע געפינען גענוג בּאַגרינדונגען סיי פאַר דער שפּאַלטונג
פריער, פאַר דעם שפּעטערדיקן צוזאַמענגאָס און אַוודאי פאַ־
אַן אייגענעם קאַנדידאַט צו די וואַלן...

לאָמיר שוין אויסטרינקען דעם בּעכער בּיז צום דנאָ — ווי
ס'דעקלאַמירט זיך אין דער מעלאָדראַמע. די „פּאָלקסצייטונג״

האָט אין עטלעכע המשכים געדרוקט אַ שרעקלעכע געשיכטע וועגן אַרויספירן אומלעגאַל קיין פּאַלעסטינע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך וואָכנלאַנג אַרומגעוואַלגערט אין פאַרשידענע גרענעץ־שטעט, ווייל קיין פּאַלעסטינע האָט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט. אָרגאַניזירט די דאָזיקע אַוואַנטורע האָבן די פּועלי־ציון־אַקטיוויסטן פאַר פּעט געלט. די צייטונג האָט געגוי אָנגערופן לעוון און אַ געוויסן קאַראָל. ס'איז קיין הכחשה שפּעטער נישט געווען, קיין פּראָצעס אויך נישט. דערנאָך איז לעוו געוואָרן ראַטמאַן, און די „פּאָלקס־צייטונג" האָט מיטגעטיילט, אַז פאַר דער און דער רעזאָלוציע פון דער בונדישער פראַקציע אין דער קהלה האָט אויך געשטימט דער ראַטמאַן פון די לינקע פּועלי־ציון י. לעוו. — ס'איז גאָרנישט געווען...

דאָס יעזואיטישע חקירהלע, וואָס האָט דערפירט ביז צו דעם טראַגישן אַבסורד די אויספירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, דאָס חקירהלע האָט אַדורכגעגעבערט די פּאַרטייאישע נעסט. ס'דרייט דער גראָבער פינגער זיין רעדעלע פון אונטן ביז אַרויף— ס'הייסט אַזוי: היות די פּאַרטיי איז דאָך געבוירן געוואָרן אַדורכצופירן אין לעבן, צו אַרבעטן פאַר די און די אידעען, איז די ליניע פון דער פּאַרטיי, איר האַנדלונג — אין אינטערעס פון דער אידעע. דו מוזט זיך אַלזאָ אונטערוואַרפן און אויספירן אַ באַשלוס — ווען פּערזענלעך ביזטו אפילו צו אים נישט מסכים. פּאַרטיי ווערט אַ שטיק מיסטיק — איר געשלאָסנקייט — הייליק.

אפשר ביי פעלקער אויף אַ העכערן קולטור־שטאַפּל, ווי ביי אונדז, זעט דאָס אַלץ אויס אַביסעלע געענדערט, פיל מילדער. ביי אונדז, אַז דער „בונד" גייט נישט צום „קולטור־קאָנגרעס", מוזן שרייבער פון אַזאַ מאָס, ווי י. י. טרונק און דער גייסטרייכער ב. שעפנער — זיך אָפּזאָגן פון זייערע אַמטן אין שרייבער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן באַשלאָסן יאָ אָנטייל צו נעמען אין קאָנגרעס.

— אויסגעגאָסן ווי פון גראַניט מוז עס זיין: פּשאַקרעוו!

— — — — — — — — — — — — —

געלאָזט זיך דאָ אַזוי ברייט פאַנאַנדערלייגן די פּאַרטייאישע שאַטנס, דאַרף מען אויך עפענען אַ שפּאַלט פאַר אַ שטראַל ליכט, וואָס זאָל העלער מאַכן די שאַטנס. און מיר ווען דערמאָנט דערזען, אַז אין אַ קריטישן מאָמענט פאַר דער פרייהייט, פאַרן דעמאָקראַטישן סיסטעם, האָבן די אמת אומאָפּהענגיקע פרייע יחידים שטאָלץ און מיט מסירת־נפש פאַרטיידיקט זייערע אידעען. אָבער זייער אַרויסטריט איז טאַקע געקומען אין סאַמע קריטישן מאָמענט. פריער האָט ער נישט געקענט צושטאַנדקומען, ווייל דאָס זענען דאָך יחידים, נישט אָרגאַניזירט, יעדער לעבט און שאַפט אין זיין אייגענעם ווינקל. בעת פיל טוער פון די פּאַרטייען — און וואָס גרעסער די פּאַרטיי — איז במילא גרעסער דאָס אחריות — שטייען טאָג־טעגלעך אויפן פּאָסטן און זאָגן דעם פיינט פּנים אל פּנים דעם אמת וועגן זיינע מעשים. ווען מיר ווען דערביי אפילו געדענקען, אַז אַ רעזשים, וואָס באַשיצט זיך נאָך מיט געוויסע טיילווייז דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, דאַרף אויך איבערלאָזן צווישן די אינסטיטוציעס אַן אָרט פאַר דער אָפּאָזיציע, וועט דאָס דאָך גאָרנישט קענען אַראָפּנעמען פון דעם מוט און געפאַר־גרייטקייט, וואָס אַזאַ זעלנער באַווייזט יעדן טאָג אָן אָן אָפּרו.

ס'איז צום באַדויערן: די טיפע דערקענטעניש, וואָס שטויסט אַדורכצודרינגען מענטשן און באַציאונגען ביזן גרונט, און וואָס איר אימפּעראַטיוו באַוועגט אויך מיט דער האַנט, וועלכע צייכנט אויף די שורות, דערפירט ליידער צו נישט־אַקטיוויקייט. און היינט איז אַ צייט, ווען דער פאַשיזם וויל פאַרדעקן די וועלט. דאָס באַוווסטזיין פון אונדזערע אייגענע שוואַכקייטן, פון די שווערע חסרונות פון אונדזערע אייגענע אינסטיטוציעס, טאָר אונדז פאָרט נישט ברענגען חלילה דערצו, אַז מיר זאָלן בלייבן שטיין פון אַ זייט ביי ערנסטע פאַרמעסטונגען.

— — — — — — — — — — — — —

איך האָב צווישן די פּאַרטייען נישט דערמאָנט דעם ציוניזם אַלס גאַנצן. ווייל די סתירה, וואָס ליגט צווישן דער אידעע אויסצולייזן אַ פאָלק פון גלות, מיט עכטער שאָוויניסטישער פּראַקטיק

אין באצוג צו אַן אַנדער פֿאָלק — דערמאָנט אייך: מצד יידן...— רעדט מיט אַן אָפֿנבאַרער שפּראַך צו די אַלע, וואָס קוקן דעם אמת אין פּנים אַריין, ווי פֿיינלעך ער זאָל פֿאַר זיי נישט זיין. יעקב לעשטשינסקי און אַנדערע ראַדיקאַל־יידישע אינטעליגענטן זענען טאַקע נאָך פֿרילינג 1933 געקומען צום ציוניזם, אָבער זיי האָבן די סתירה, וואָס איז אויבן דערמאָנט, נישט פֿאַרענטפֿערט, זיי זענען זי בלויז אַריבערגעשפּרונגען. דהיינו: דער פֿעסטשטעלונג, אַז דער ציוניזם איז אַן אוטאָפּיע אויך ביים היינטיקן טאָג, פּונקט ווי פֿריער, האָבן זיי אָפּגעענטפֿערט, אַז אין לעבן פֿון פֿעלקער טרעפֿן זיך מאָמענטן, וועלכע קענען אַן אוטאָפּיע פֿאַרוואַנדלען אין אַווירקלעכקייט. אַ ראיה: ווערסייל 1917. און אויף דער טענה, אַז דער ציוניזם איז שאָוויניסטיש, ער וויל זיך אויפֿבויען אויף דער אונטערדריקונג פֿון די אַראַבער אַלס פֿאָלק, האָבן לעשטשינסקי און זיינע חברים דערקלערט: — ווען מיר אַמאָל נישט זיין די גערעכטסטע, מיר מוזן דאָס אייביק נישט זיין. מיר וועלן זיך אין דעם פֿאַל נישט אומקוקן אויף קיינעם, וואָס וועט ליידן צוליב אונדז...

ס'זענען גאַנץ קלאָרע ענטפֿערס, זייער קלאָרע, נאָר פֿון מענטשן, וואָס האָבן מער נישט קיין געדולד...

---

## די ליטעראַטור אין די ווירקלעכקייט

ס'איז נאָך נישט אַזוי לאַנג, ווי מיר זענען אַוועק פֿון די ערשטע יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה, נאָר אַז מיר קוקן היינט צוריק אויף דעם געוויימל מיט ליטעראַטור, וואָס האָט געהודזשעט דעמאָלט אין די קליינע שטעטלעך, דאַכט זיך אונדז, אַז דאָס איז נאָך פֿאַרגעקומען פֿאַרן מבול. ס'איז דאָך איצט פֿאַרוויסטונג, און לידיק איז אויף אונדזערע פֿעלדער, נאָר דער בליק פֿון טרויער איז פֿול מיט קלוגשאַפֿט און אַ שמייכל גלעט אים. וואָס

פאַרא קינדישע נאַאיווקייט ס'האָט דעמאָלט געפּלאַפּלט, ווי דער חלום האָט דאָס פריי אַרומשפּאַצירט אויף דער וואָר!

אויף דעם קליינעם נישט־אויסבּרוקירטן שטח פון די שטעטל־שע געסלעך האָבּן אויפגעשפּראָצט ,פּאַרטייעלעך, ווי שמאַלץ־בּלעזלעך אין אַ פּאַטעלניע, וואָס פּרעגלט זיך אויפן פלאַם. און יעדע פּאַרטיי־אַם האָט געפירט בּיי דער האַנט אַ זויג־קינד — אַ יוגנט: צעירי־מזרחי, צעירי־ציון, פרייע יוגנט, צוקונפט און סתם יוגנט־סעקציעס. און מיט וואָס האָבּן זיך געהאַט דען צו פאַרנעמען אַזעלכע אָרגאַניזאַציעלעך אונטערן שמאָלן פּאַס הימל איבּערן קליינעם שטעטל אַ גאַנצע וואָך, חדשים גאַנצע? דער פּאָ־ליטישער געדאַנק אַליין איז נאָך געווען דעמאָלט אין די וויקע־לעך, אין פאַרגלייך אפילו מיט דער מאָס, ווי זיי האָבּן זיך אים היינט צוגעאייגנט. מ'האָט געלעבּט מיט די פּאַרטיי־משפּחהדיקע בּאַציאונגען און געשעענישן אין „צענטער". מ'האָט געדענקט אויף אויסנווייניק יעדן קלענסטן פונקציאָנאַר (דאָס איז אַ היינ־טיקער נאָמען — דעמאָלט האָט מען גאָר פון אַזאַ בּאַצייכענונג נישט געוווּסט) און אַ פּאָלעמישער פּעליעטאָן אין דער פּאַרטיי־צייטונג איז געווען דאָס בּעסטע צימעס פאַר יעדער גרופּע, און מ'האָט זיך דערמיט געקוויקט שבּתים נאָכאַנאַנד. מ'איז גאָר פּשוט מיט די דאָזיקע פּאַרטיי־בּאַציאונגען אַזוי געווען אַדורכגע־נומען, אַז יעדער פאַר זיך האָט געזען די גרויסע שטאָט, דעם „צענטער", נאָר ווי אַ פּאַרטועגעם מיט אָט די פּאָליטישע רייבּונ־גען, מער טוט מען דאָרט גאָרנישט. מ'האַנדלט נישט, מ'אַרבּעט נישט, אָדער מ'אַרבּעט עפּעס יאָ, אַוודאי! — דאָס זעט מען דאָך פון די קאָרעספּאָנדענצן אין דער צייטונג. נאָר דאָס אַלץ איז אַ תּפל — דער עיקר לעבּט די גרויסע שטאָט מיט דעם פּאָליטישן שפּיל צווישן די פּאַרטייען. און די פּאַרטייאישע טוער שפּילן דע־ריבּער די ערשטע פידל אין דער הויפּט־שטאָט — זיי זענען אויף אַלעמענס ליפּן און אַלע קענען זיי — אָ, הייליקע פּראָווינץ!

אין דעם האָט זיך אויסגעלעבּט די פלאַטקע, אַזוי האָט זיך געוועבּט די פּאַרטייאישע לעגענדע. אין דעם האָט געפינען אַן אָפּ־

פּלוס די בענקשאַפט פונם פּראָווינצער קינד נאָך באַוועגונג, נאָך פאַרשידנאַרטיקייט — צו דער גרויסער שטאָט.

אָבער דאָס האָט נאָך נישט אויסגעפּולט אַלע פרייע אָוונטן און שבת נאָכמיטאָגס. און חוץ דעם האָט יעדע יוגנט־אָרגאַניזאַציע געדאַרפט צו פירן אַ קולטור־אַרבעט — מ'האָט געהאַט אַ ספּעציעלע קולטור־קאָמיסיע — איז אויף דער ליטעראַטור אויסגעפאַלן דער קרבן. טאַקע אַ קרבן. מ'האָט געקוועטשט יעדע נאָוועלע, מ'האָט אַזויפיל אַריינגעטייטשט, און אַזויפיל געוואָלט אַרויסלערנען, אַז ס'האָט זיך אין געדאַנק פאַרמישט: דער פאַריין איז געוואָרן אַ בית־המדרש, דאָס בוך — אַ גמרא, דער פאָרלייענער — אַ בעל־דרשן... פונם געניסן שיינקייט, אַנטוויקלען דעם גייסט, איז געוואָרן ליטעראַטור — עבודה אין אַ פאַרנעם ווי אויף פינטשעווו... נישט איינמאָל, ווען אַ יוגנטלעכער האָט מיט אַ ציטערדיק קול און מיט גרויס פאָרכט פאָרגעלייענט פּרצס אַ מעשה, און נאָך דעם איז אַרויף איינער פון די אָנפירער, און אָנגעהויבן איינצוטייטשן, וואָס האָט פּרץ געמיינט מיט דער מעשה, און וואָס איז ער אויסן געווען, נישט איינמאָל אין אַזאַ פאַל, האָט זיך געגלוסט אַרויפצוגיין אויף דער טריבונע, אַ צינד אָן געבן דעם לאָמפּ (ס'איז שטענדיק אַזעלכעס פאָרגעקומען אום בין־השמשות, שבת נאָכמיטאָג) און מיט אַ הויכער שטים זאָגן דער חברה: אָט לייענט נאָר נאָכאַמאָל אַדורך דאָס מעשהלע אָן ציטערניש, נאָר פריי, אָן אַריינטייטשעכץ. פילט, ווי שיין ס'איז. און פּרץ איז אויך גאָרנישט אויסן געווען, ר'האָט זיך געפרייט, ווייל עס איז שיין, און ווייל איר וועט זיך פרייען...

ס'איז אַ פּאַראַדאָקס, אָבער ער פּאַסט צו דער פּראָווינץ: פון די רעוואָלוציאָנערע, פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אין שטעטל, האָבן זיך אויסגעפּיקט „אינטעליגענטן", וואָס האָבן פּרצס „חסידיש" גענומען אָט אַזוי ווי עס גייט, כשמו כן הוא. מ'איז אַרומגעגאַנגען פאַרבענקט. און זיך געקוויקט מיט די אָנגעצינדענע ליכט פּרייטאָגצונאַכטס אין אַלע פענסטער, מיט אָן ערב יום־טוב־שטימונג. אין אַ בידנער יידענע, וואָס האָט זיך אויסגעפּוצט אין

אַ שייטל, אַ קלאָר פאַרטעך לכבוד יום־טוב, האָט מען געפינען דעם זיבעטן מיסטישן חן. מ'איז געלאָפן צום טיש פון יעדן רבי־לע, וואָס איז פאַרפאָרן אויף שבת, און מיט פאַרדביקהטע אויגן געקוקט אויף זיין יעדן ריר. אין יעדער הועיה פון וועלכן חסיד עם־הארץ געוואָלט דערזען נשמהדיקע אַנטפּלעקונג.

ליטעראַטור האָט מען גענומען זייער ערנסט. די געשטאַלט פּרץ האָט מען געזען כמעט איבערנאַטירלעך. דאָס לעבן, האָט זיך געדאַכט, ווערט געפירט לויט די עטישע פּרינציפּן, אַזוי ווי זיי זענען פאָרמולירט אין די פאַרשידענע טעאָרעטישע באַגרינדונגען. און אויב נישט, דאַרף מען זיך מיט דעם לעבן נישט רעכענען — מען קען עס פאַרבייגיין.

ווי ביטער האָט זיך די יוגנט אַנטוישט! גויט און אויס־זיכטסלאָזיקייט האָבן געטריבן פון קליינעם שטעטל, אין דער וועלט אַריין. און וואָס האָט די יוגנט דערזען אין דער גרויסער שטאָט?— אַ פאַרקערטע וועלט, ווי אין יענעם העברעישן ווערטל זאָגט זיך: „עליונים למטה ותחתונים למעלה". אַ שטאָט רוישט און הו־דזשעט אַ גאַנצן טאָג, גאַנצע יאָרן, טאַקע מיט די נאַרישקייטן: האַנדל־וואַנדל, אין געיעג נאָך אַ גראָשן פאַרדינסט. דאָס פאַר־נעמט דעם גאַנצן אויבערפלאַך, און די פּאָליטישע און קולטור־באַוועגונג זעט מען גאַנץ ווייניק אָן, בעסער, ס'זעט זיי נאָר דער, וואָס וויל, זיי פאַרנעמען אויך אַ ווינקעלע דאָ. און די פירער, די באַרימטקייטן זענען באַרימט נאָר ביי די, וואָס קומען צו זיי. דאָס רוישיקע לעבן אין דער שטאָט, דער געאייל, דאָס אַלץ, וואָס טוט דאָ אויף, קומט אויס אָן זיי, אָפט קען מען זיי גאָרנישט. און מען האָט די יוגנט קרום געלערנט דאָס גאַנצע ביז־איצטיקע לעבן: הגיפה קומט דאָ זייער צונוץ און אפילו לויבן זיך אַליין דאַרף מען אויך קענען. מיט באַשיידנקייט קען מען שטיל וואַרטן,. אויב מען האָט צייט. קיין טריט נישט אומזיסט, דאָס איז דער פּאַראָל, און אויף אויסצוקוועטשן אַ גילדן פאַרדינסט, פאַרשווינדט יעדע בושה. דעם שוואַכן דעריבער טרעט אָן צוריקהאַלט — מילא, פאַרן שטאַרקן מוזסטו זיך בייגן. און די עלנבויגנס צי אָן פעסט

און שטויס זיי פאָרויס — מען מוז דיך זען! אַט די געזעצן הערשן נישט בלויז אין האַנדל, ביי פאַרדינסט. פּאַרטיי, פּראָפעסיאָנעלער פאַריין, אויך ליטעראַרישע סביבה זענען אויך מענטשלעכע געמיינשאַפטן, און מיט קליינע ענדערונגען — אַמאָל צום בעסערן און אַמאָל צום ערגערן — הערשן אויך דאָ די זעלבע באַציאונגען.

ווען אַ מענטש גיט אַוועק פאַר אַן אינסטיטוציע אַזויפיל פרייע צייט, אַז ס׳בלייבט אים שוין נישט איבער קיין שעהן, ווען צו פאַרדינען פאַר זיך, קומט אים אַן ספק צו זיכערן אַ געהאַלט פון דער אינסטיטוציע, פאַר וועלכן ער זאָל קענען לעבן. נישט געקוקט דערויף, וואָס די אינסטיטוציע איז אויפגעבויט געוואָרן אויפן וועג פון דער פאַרווירקלעכונג פון די אידעען, וועלכע דער איצטיקער טוער האָט געלערנט, און די דאָזיקע אידעען דינט זי. פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעטס־פאַרהעלטענישן אין אַזאַ אינסטיטוציע, וועלכע איז דאָך אַ געזעלשאַפטלעכע און אַ מאָדערנע, זענען פיל בעסערע, ווי ביי דעם באַלעבאָס, אויף וועלכן ס׳איז אָנגעוויזן דער יידישער אַרבעטער אָדער אָנגעשטעלטער. קוקט אָפּטמאָל דער לעצטער מיט אַ קריטיש אויג אויף אַזאַ צושטאַנד, ווי ער וואָלט געזאָגט: מען מאַכט פּרנסה פון דער אידעע, האַ? — אָבער דעמאָלט איז ער אין גרעסטן טייל אומגערעכט.

נאָר אַ צווייטע זייט פון דער מטבע איז, אַז ווען אַ מענטש אַרבעט ביי אַן אינסטיטוציע און פאַרדינט פון איר אויף צו לעבן, אין אונזער היינטיקער צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט, ווערט ער צוגעבונדן צו דער אינסטיטוציע ווי צו זיין אַרבעטס־פּלאַץ. און אין אַ קריטישן מאָמענט וועט ער זיין פון די ערשטע צו פאַרקלענערן די אידעישע לאַסט פון דער אינסטיטוציע לטובת איר באַוועגונגס־, אָדער גאָר עקזיסטענץ־פרייהייט. די סאָציאַליסטישע פּרעסע ברענגט יעדעס מאָל ידיעות, אַז די אָנפירער פון כמעט אַלע רעכטע גרופּן אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, זענען פּראָפ.־טוער. זיי זענען מיט זעלטענע אויסנאַמען די קאָנסערוואַטיווסטע און „רעאַלע" פּראַקטיקער...

ס׳איז געווען אַ געגאַרטע וועלט אַרום און אַרום. פּריץ,

שטעלט איך פֿאַר פּרץ. — האָט געמוזט פֿון פּרנסה וועגן אַרבעטן אין דער קהלה, צווישן אַסימילירטע יידן, פֿון וועלכע ער האָט אַ סך געליטן. און פֿון זיין הויכער, שעפֿערישער טעטיקייט האָט ער נאָר געקענט פֿאַרדינען אויף אַ צושפּרונג. אַ באַנקיר, אַן אַסי־מילאַטאָר, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פֿון אונזער גרויסן דיכטער, האָט מודיע געווען אין דער פּוילישער פּרעסע, אַז ער גע־הערט זיך גאָרנישט אָן מיט דעם „פּיסמאַק זשידאָווסקי" — פּרץ, וואָס באַקעמפֿט אַזוי פֿאַרביסן די אַסימילאַציע. ס'שאַדט נישט; דער באַנקיר איז היינט אַ מיטאַרבעטער פֿון יידישע נאַציאָנאַלע צייטונגען. קיין שום פֿאַרענטפֿערונג האָט ער נישט געדאַרפֿן אָפּ־דרוקן.

נאָר ביטערע איראָניע! פּרצס שטוב איז אַליין געווען אַסי־מילירט. זיין זון איז אויסגעוואַקסן אַ פּאָלאַק. סאָקאָלאָווס שטוב איז געווען אַסימילירט, זיין זון קלערט היינט אויף דער יידישער מינדערהייט אין פּוילן, אויף ווי ווייט ס'גרייכן אירע רעכט, אַלס וואָרט־זאָגער פֿון דער נאַציאָנאַלער מערהייט. קען מען ענטפֿערן, אַז ווען סאָקאָלאָוו האָט דערצויגן זיינע קינדער, איז ער אַליין נאָך געווען אַן אַסימילאַטאָר. איז אַשס זון שוין אויך נישט אויסגע־וואַקסן קיין יידישער שרייבער. מ. י. פֿריידס זון קען מען אין דער יידישער געזעלשאַפֿט אינגאַנצן נישט, ער איז אַ פֿאַרדינטער פּוילישער וויסנשאַפֿטלער א. א. וו. א. א. וו.

ס'קומט אויס אַ שטייגער ווי: „אַליין האָט מען געטרינקען ווייַן, און געפּרעדיקט האָט מען וואַסער"...

דאַרף מען האָבן נאָך ראיות? — יעדער טאָג ברענגט נייעס. דער ביישפּיל, וואָס קומט דאָ, וועט שוין זיכער זיין פֿאַר־עלטערט, ווען די אותיות וועלן באַשמירט ווערן מיט דרוק־פֿאַרב, כאָטש ער איז אַזאַ מאַקאַברישער, ווי איך וואָלט זיך אויסגע־דריקט. כ'מיין די מעשה מיט די „סאַבינעס" און „רעגינעס", פֿון די יידישע רעדאַקציעס אין וואַרשע. דעם לייענער־עולם וויל מען כלומרשט דערציען צו אויסגעהאַלטענעם פּאָליטישן קאַמף. פּריוויטיק שוואַרצן זיך דאָרט די בלעטער מיט הויכע אידעען, עסטעטישער פֿיינקייט, און אַז ס'גיט אַ פֿאַרשמעק אַזאַ געמיין פֿאַרדינסטל, טוט

מען אויס דאָס שעם־היטל און מען לאכט אַלעמען אין פּנים אריין. באַלייכט דען דאָס נישט מיט אַ בּראַנד אָט דאָס גאַנצע וועלטל ארום?

פונדעסטוועגן, כאָטש די דאָזיקע יוגנט פון דער פּראָווינץ האָט זיך געפילט אַזוי פאַרלוירן אין דעם סדום, וואָס זי האָט געטראָפן אין דער גרויסער שטאָט, האָט איר נאָך געקלעקט מוט צו בּרענגען איר דערפאַרונג צום אויסדרוק. און שנײַדיק האָט זי עס באַוויזן. משה גראָסמאַנס „פלאַמען און רויך" האָבּן שאַרף, אָן צוריקגעהאַלטנקייט אויפגעדעקט אַ ווינקעלע פון דער פּוילנ־דיקער וווּגד אין אונדזער יידיש־געזעלשאַפטלעכן קערפּער. געגרעדט האָט ער אָפנהאַרציק, נישט פאַרשטעלט; מ'האָט ממש געקענט אַנטאַפּן די סביבה, וואָס איז דאָרט פאָרגעשטעלט, אַ קוק טון די מענטשן אין די אויגן אַריין. און געווען איז עס נישט קיין פאַר־איינצלטער פּרוּוו פון אַ פאַרבּיטערטן נע־ונדניק, ווײַל פון דעם מ. גראָסמאַן וואַקסט אויס פאַר אונזערע אויגן אַ יידישער שרײַ־בּער, וועלכער האָט שוין הינטער זיך „קאַרל מאַרקס" און „דער־וואַכונג". און נאָך דעם אַלעם האָט דאָס יידישע קולטור־וועלטל דאָ בּיי אונז דאָס בּוך אינגאַנצן נישט באַמערקט. נישט דאָס בּוך ווי אַ קינסטלערישע דערשיינונג בּין איך אויסן, נאָר זיין עטיש־געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג. די פּאַרטייען בּיי אונז באַקעמפן זיך דאָך ווי צום שאַרפסטן, נישט איבּערקלייבּנדיק קיין מיטלען, דאָך האָט קיין שום קעגנערישע פּאַרטיי אפילו נישט באַנוצט זיך מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס זי האָט געקענט געפינען אין גראָסמאַנס בּוך. מ'דאַרף נישט זיין בּייזוויליק: זיי האָבּן זיכער זיך נישט צו־נויפגערעדט צו פאַרשווייגן עס, ווײַל ס'שאַדנט דאָס בּוך זייערע געמיינזאַמע אינטערעסן. אונדזער קולטור־ און פּאָליטיש וועלטל האָט דאָס בּוך פּשוט נישט דערזען, ווײַל דאָס וועלטל איז גלייכ־גילטיק. ס'סען אינגאַנצן נישט די נשמה פונם יונגן מענטש, ס'איז פון זיין גייסטיקן לעבּן זייער, זייער ווייט.

# די ווירקלעכקייט נאַקעט

דער גאַנצער קולטור־בנין אויף יידיש לענט זיך אָן אויף
די פּאָלקס־מאַסן, ווייל די יידישע בורזשואַזיע און אירע נאָכקרי־
כער האָבן פיינט יידיש. פאָלקסמענטשן, אַרבעטנדיקע יוגנט, קינ־
דער פון אָרעמע באַלעבאַטישע שטובן האָבן ליב דאָס יידישע
בוך, ס'איז זיי איינגעבאַקן די יידישע שול, זיי זענען באַגייסטערט
פאַר יעדער אונטערנעמונג — מ'האָט דעם רעזערוואַר ביז איצט
נאָך גאַנץ ווייניק אויסגענוצט. ווי ס'קומט פאָר אין לעבן, פאַר־
לאָזט פון צייט צו צייט ווער פון אָט די גראָע פריינט פון אונזער
פרייער אויפלעבונג די רוישיקע וועלט, און לעשט אויס אין דער
פאַרגעסנקייט. געשטאָרבן, באַגראָבן. א יינגל אַ שניידער, צי אַ קאַ־
כאַשנמאַכער, אַ קרעמער אָן אַ קראָם, אָן פּרנסה — ווער דערמאָנט
אים דאָרט?

און מיט אַ צייט צוריק איז אין וואַרשע געשטאָרבן איינער,
פּרץ פישמאַן. ער איז אויך געווען אַ פריינט פון דער יידישער קול־
טור, פון יעדן אויפטו אירן. דאָס האָבן נאַטירלעך געקענט וויסן
נאָר גאַנץ ענגע קרייזן, און מיט מער האָט ער זיך נישט פאַרשריבן;
אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, האָט מען פון אים
נישט געהערט. דאָך אַז ער איז געשטאָרבן, זענען כמעט אין דער
גאַנצער יידישער פּרעסע הי געווען אָפּגעדרוקט גרעסערע נאָטיצן,
אין וועלכע מ'האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן וועגן דעם נפטר. מיט
וואָס האָט ער דאָס זוכה געווען דערצו? שטעלט זיך אַרויס, אַז
ער איז געווען אַ טאָפּלטער יחיד־במינו: ער איז געווען פון די
געציילטע פאָלקסמענטשן צווישן די יידישע גבירים אין וואַרשע,
און איינער פון די געציילטע גבירים צווישן די ליבהאָבער פון דער
קולטור אויף יידיש. און דאָס איז גאָרנישט ווייניק. אַ גביר,
אַ פריינט פונם פאָלקסלעבן אויף יידיש, הייסט: אַ שיינער, עסטע־
טיש־קינסטלערישער סאַלאָן, קולטורעלע באַגעגענונג, אַ ראַפינירט־
אינטעליגענטע יידישע שטוב. און פאַר אַ יידישן שרייבער אָדער
קולטור־טוער, איז דאָס נישט קיין שוועל, וועלכע ער זאָל קענען
פאַרבייגיין גלייכגילטיק. ס'איז אָנגענעם צו פאַרברענגען אָן אָוונט

אין אזא פאַרמעגלעכער סביבה, צו פאַרזיכערן זיך נאָכאַמאָל דע־רין, אז די אייגענע אידעען און לעבנס־טעטיקייט זענען נישט אַזוי אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט...

א בעל־גוף, א גרויסער קמצן האָט מיר אַמאָל דעם דאָזיקן געדאַנק אויף א נאַקעטן, פּראָסטאַצקן אופן אויפגעקלערט: — נו, וואָס זאָל איך מאַכן פון מיין זון — א דאָקטאָר? א רייכער סוחר גיט א גרויסן נדן, קויפט ער זיך א דאָקטאָר. — אַן אַדוואָקאַט? וואָס איז אַן אַדוואָקאַט? — און ווידער איז ער געקומען צום זעלבן אויספיר. אַזוי האָט ער אַוועקגעלייגט איין אינטעליגענט נאָכן אַנדערן מיטן כח פון געלט, און דערביי פאַרעטעריש גע־שמייכלט.

מיט פּופצן יאָר צוריק זענען מיר אַרוים פון דער קינדערי־שער אייער־שאָל מיט א האַס צום טאַטנס קרעמל, צו זיין פּרנסה. אַלץ אויף דער ייִדישער גאַס, אַלע ריכטונגען האָבן גערופן: פּראָ־דוקטיוויזאַציע. צוריק זענען מיר געקומען מיט ליידיקע לאָגלען. נאָר א קליינטשיקער טייל פון אונדז איז אַוועק קיין פּאַלעסטינע, ווו ער האָט זיך פּראָדוקטיוויזירט און ער העלפט נאָך צו דערביי, ווי ער גלייבט, בויען אַן אייגן לאַנד. וועגן אים ווייסן מיר איז אַלגעמיין זייער פיל, אָבער בפּרטיות, ווי אַזוי ער לעבט און וואָס ער פילט — ווייסן מיר גאָרנישט. ער אַליין קומט נאָך נישט צום וואָרט. איין טייל איז אַוועק אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער און דאָרט ערשט זיך גענומען צום קרעמל־פּעדלעריי, און נאָך א טייל איז געבליבן שמעקן אין דער גרויסער שטאָט אין אונדזע־רע ייִדישע פּאַכן. אין סעזאָן־צייט פרעסט מען פון זיך אַרוים דעם לעצטן שוויס, מ'איז אַן אַרבעט־בהמה, צו מער איז קיין צייט נישטאָ. און אין דער ליידיקער צייט צווישן די סעזאָנען, דרייט מען זיך אַרום אַרבעטסלאָז און הונגעריק, צו עפּעס מער איז דעמאָלט ווידער קיין געדולד נישטאָ. פון דעם אַלעם איז שווער צו קומען צום טעם פון דער גרויסער אידעע פּראָדוקטיוויזאַציע, וואָס זי האָט אין אונדזער היינטיקער צייט און באַדינגונגען. אפשר שמעקט דערין א הויכע מדרגה, אין דעם אַרויסקוועטשן דעם לעצטן שוויס פאַרן באַלעבאָס. גאָרנישט ווי אין דעם צוהעלפן

דעם טאַטן אין קרעמל, אָדער אַרבעטן אין שטעטל ביים וואַרשטאַט, אַז ס'זאָל נאָך בלייבן אַ פרייע שעה אויף גייסטיקער אַנטוויקלונג. קען זיין, נאָר ס'איז זייער אַ פאַרבאָרגענע מדרגה — שווער זי צו דערגרייכן...

פאַרשעמט בלייבט דער מענטש, וועלכער האָט אונטער דער גייסטיקער באַוועגונג פון דער געזעלשאַפט נישט געזען די ערד, אויף וועלכער זי שפּראָצט אַרויס. און געגרייזט האָבן די, וואָס האָבן אים דערויף נישט אָנגעוויזן. ווייל די באַציאונגען, וואָס קומען פאָר אונטן, נידעריק, אויף דער ערד — זיי זענען דער גרונט, דאָ מוז מען פאַרנעמען קודם־כל אַ פּלאַץ, אַז יענער באַלעגופישער פראָסטאַק זאָל נישט שפּעטן שפּעטער. און אַ חוץ דעם דערפירט נויט צו אָפּגעשטאַנענקייט, ס'צעקריכט דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער אוצר פון גייסט, צוליב וועלכן די נויט האָט זיך אַריינגעגנבעט.

מיט קאַרל מאַרקס האָט דער גורל געטון אַ נס, וואָס ער האָט אים צוזאַמענגעפירט מיט ענגעלסן. ווי שווער איז אים, מאַרקסן, דאָך געווען דאָס לעבן. נאָר דער גורל קען פאַר יעדן קיין נס נישט באַווייזן.

אין מיין פאָרשטעלונג האָט געלעבט אַ מענטש אין די פריע מיטעלע יאָרן, ישראל שטערן. אַ יידישער דיכטער פון איידעלע כובטעלע תפילות, פון פיינע שטילע עסייען. און איך בין געבליבן שטיין מבולבל, ווען איך האָב געזען אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין אַ מענטשל אין שטיוועלעך מיט נידעריקע כאָליעוועס, אין אַ פאַלטן מיט אַן אויסגעריבענעם פוטער־קאָלנער, צעכראַשטשעט, פאַרוואָרפן אַרום האַלדז אַ וואָלענעם שאַלעק ווי אַ שטריק. דאָס פנים רויט, די באַקן גלאַנציק אויסגעראַזירט, פון אַלע קעשענעס האָבן אַרויסגעשטאַרצט בראָשירטע ביכלעך, און דער איז דאָס ישראל שטערן! זאַראָמב, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט זיך אַזש דערשראָקן — פאַרוואָס איך וווּנדער מיך אַזוי? איך אַליין האָב לעולם אויך נישט פאַרשטאַנען שפּעטער מיין צערודערטקייט, ווייל ס'איז דאָך כמעט אַ כלל, אַז דער אויסזען פון אַ מענטש שטימט קיינמאָל נישט מיט אונזער פאָרשטעלונג וועגן

אים. נאָר אַריינטראַכטנדיק זיך דערנאָך איז מיר קלאָר געוואָרן די מערכה, וועלכע די באַוועגונג פון מענטשלעכן גייסט סען האָבן אין רער אַרומיקער וועלט פון מאַטעריעלער פּראָדוקציע און גע־נוס, ווען די כוהנים פון אָט דער באַוועגונג וואַנדלען נאָך אָט אַזוי־אָ אַרום אויף דעם ראַנד פונם לעבן. דער מענטש פון מאַ־טעריעלער טאַט ווייסט נישט פון קיין וואַקלענישן. אָפּגעלאָזנקייט איז פאַר אים אַ קאַטאַסטראָפע. נאָר ווען די באַשאַפערס פון גייַ־סטיקע ווערטן וועלן מיט אָט די איינגנשאַפטן זיין גלייך צום אַרו־מיקן באַשעפטיקטן קאָלעקטיוו, וועלן זיי קענען צו זיך אַרויסרופן דרך־ארץ און צו זייער שאַפונג וועט מען צוטיילן מעגלעך יענעם פּלאַץ, וואָס איר קומט אין דער געזעלשאַפט.

דערווייל איז געשען, אַז אַ שרייבער, וואָס האָט זיך יאָ געקענט דיסציפּלינירן, און מ׳האָט אים ווירקלעך געשטעלט אי־בער זיך און אָנערקענט זיין אויסדערוויילטקייט, האָט זיך אַרויס־געוויזן אַלס זייער אַ שוואַכער. ר׳האָט זיך אָנגעהויבן אויסצומישן מיט די אייבערשטע עמלעכע הונדערט (ס׳איז גאָרנישטאָ קיין צען מויזנט...). ער האָט אַפילו פאַרשטעקט ערגעץ זיין יידיש לשון, משטיינס געזאָגט זיך אויסגעפיינערט, און גערעדט צו יענע זייער פאַרגרעבטן „קאָנגרעס־דאַאַטש״.

---

## ...און די ליטעראַטור אַליין

וואָס אַן אמת: בלאָס זענען נישט בלויז די אידעען פון דער ליטעראַטור, ווען מיר שפּיגלען זיי אָפּ אין דער ווירקלעכקייט. ווייל יעדע דיכטונג, וואָס פאַרדינט אויף איר נאָמען, אומאָפּהענ־גיק, צי איר קינסטלערישער מעטאָד איז דער רעאַליזם, אָדער דער ראָמאַנטיזם (כ׳זאָל אָנרופן נאָר אָט די צוויי הויפּט־ריכטונגען אין דער קונסט) אַנטוויקלט זיך אַרום אַן אידעע, וואָס איז די נשמה פון דער שאַפונג. איז, בלאָס זענען נישט בלויז די אידעען. דער

ליטעראַטור אַליין האָט מען אַראָפּגענומען די קרוין פֿון קאָפּ. זי איז אין לעבן פֿון נאָך דער וועלט־מלחמה זייער ביליק געוואָרן. איך בין דאָ נישט אויסן די וועלט־ליטעראַטור אין אַלגעמיין — וועגן איר זאָג איך זיך נישט אַרויס — איך רעד וועגן אונדזער יידישן וועלטל, און וועגן דעם אָרט, וואָס די ליטעראַטור פֿאַרנעמט איצט אין אים. ס'איז זייער אַ קליין אָרט. מ'קען נישט פֿאַרענטפֿערן דעם צושטאַנד מיט אַ קינסטלערישער ירידה — חס וחלילה! אַז מיר וועלן אָנכאַפּן אַזאַ באַנד נאָוועלן, למשל, ווי יהושע פּערלעס „ניין אַזייגער אינדערפֿרי”, פֿאַרמאָגט אפשר די קלאַסישע יידישע ליטעראַטור נישט קיין ווערק, וואָס מען זאָל דעם באַנד קענען אַקעגנשטעלן אין קינסטלערישער הינזיכט, און פֿאַר אַלעמען, אין ראַפֿינירט־קריטישן צוגאַנג פֿונם שרייבער צו אַ געגנוואַרטיקער סביבה. בערגעלסאָנס אויסציזעלירטע, אין גראַניט־אויסגעשניצטע וואָרט קונסט, הייסט אויך זיכער אַן אַנטוויקלען זיך העכער אַרויף. און אָפּאַטאָשוס פֿלאַמיקע בילד, גייסט און לײדנשאַפֿט אין געראַנגל, איז זיכער איינס פֿון די שענסטע דערגרייכונגען, וואָס די יידישע ליטעראַטור פֿון דער נאָך מלחמה־צייט קען באַווייזן. און פֿונדעסטוועגן איז אָט די ליטעראַטור ביים היינטיקן טאָג נאָר דאָס איינגנס, און זי ווערט געלייענט פֿון אַ טייל פֿון דער אַרבעטער־ און אָרעמער קליינבירגערלעכער יוגנט, הויפּטזעכלעך אין די קליינע שטעטלעך, און אין דער יידישער שול — פֿונם לערער און פֿון קינד. אין פּאָפּולערקייט, באַליבטקייט צווישןברייטערע פֿאָלקס־שיכטן קען זי זיך נישט פֿאַרגלייכן צו דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור. ס'זענען אפֿילו דאָ צווייפֿלערס: סעגאַלאָוויטש האָט נישט געפֿונען אין דעם גרויסן יידישן עולם וואָס האָט אויסגעשפּאַנט די פֿערד פֿון זיידן מענדעלעס קאַרעטע אין לאָדזש — קיין דאַנקבאַרע און פֿאַרליבטע לייענער, נאָר פּשוטע המונישע סענסאַציע, און לויט אים קומט אויס, אַז דעם זיידן האָט דער כבוד גאָרנישט געפֿרייט. און אויך — אפשר זענען מיר אַליין זיך טועה. אפשר איז די קלאַסישע יידישע ליטעראַטור פּאָפּולער געווען נישט מער, ווי ביי דער יוגנט פֿון מיט אַ דור־צוויי צוריק, און פֿאַר אונדז זענען די פֿון יענעם דור שוין

דערשינגען אַלס עלטערע מענטשן. פונדאַנען די אילוזיע וועגן דער פאַרשפּרייטקייט פון דער קלאַסישער ליטעראַטור צווישן פאָלק? דער צווייפל בלייבט אויף זיין ווינקעלע, לאָמיר אים נישט אוועק־שאַרן, אָבער דעם תירוץ גיט ער נישט. שולדיק איז די שפּראַך־אַסימילאַציע, וועלכע קומט פאָר אין אַ שטאַרקן טעמפּ. שולדיק איז די אָפענע שנאה פון די העברעיסטן און די פאַרבאָרגענע פון זייערע פחדנישע חברים, פירער אַזש „פּראָלעטאַרישע"; די גרויסע אַנטוויקלונג פון דער טאָג־פּרעסע, קינאָ און ראַדיאָ האָט זיך אויך דאָ איר חלק. נאָר נאָך דעם אַלעם טראָגט אפשר די הויפּט־שולד דער גודל פון ליטעראַטור אין אַ צייט פון אַזאַ קאָלערן די וועלט מענטשן באַרג־אַרויף און תהומות־אַראָפּ, אין וועלכער מיר לעבן פון דעם קרינג אָן, מיט קליינע איבעררייסן אויף אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. ס'איז נישט קיין צייט פאַר איבערגעלייגטקייט. מ'קען אים נישט פאַראיבל נעמען, דעם מענטש פון היינט, פאַר זיין קנאַפּן אינטערעס צו דער ליטעראַטור. יעדער טאָג איז פול מיט שפּאַנונג, יעדער טאָג איז פול מיט געראַנגל, מען דאַרף נישט לויפן צום בוך נאָך עמאָציע... דאָס לעבנס־געפיל ביים מענטש אין דער היינטיקער צייט לאָזט מען שוין זיכער נישט פאַרגליווערט ווערן. און אַזאַ צושטאַנד, וואָס אַנטהאַלט אויך אין זיך אויף אונדזער יידישן געביט, סיי אַן איבערשיכטונג, במילא אַן ענדערונג פון שטייגער, איז אַן אומפּרוכפּערדיק פעלד פאַר דער ליטעראַטור. דערפאַר איז אין דער יידישער נאָך־מלחמה־ליטעראַטור נאָך נישטאָ די עפּאָפּעע פון היינטיקן יונגן ייד, זיינע אַלע וועגן, זיין אויס־בליק. דערפאַר איז נאָך נישטאָ אין איר די עפּאָפּעע פונם יידישן פאָלק, פון די יידישע מאַסן אין דער היינטיקער צייט, בעת די קלאַסישע יידישע ליטעראַטור איז מיטן יידישן פאָלקס־לעבן גע־ווען אויסגעבונדן — פלייש פון זיין פלייש.

איך בין נאָר מחויב צו פאַרצייכענען אויף דעם אָרט אַ פּרוּוו פון אַ יונגן שרייבער ש. ראשקין מיט אַ בוך אַן ערשטלינג: „די מענטשן פון גאָדלבאָזשיץ". איך קום עס דאָ נישט אָפּשאַצן, איך וויל נאָר פאַרצייכענען, אַז אַן אָנזאָג איז שוין פאַראַן. דער ער־שטער דעמאָקראַטישער פּעריאָד פונם אומאָפּהענגיקן פּוילן איז

שוין, ווייזט אויס, ווייט אָפּגעשלאָסן. און בײַ זיין צעפלאַמטער, שרעקנדיקער שקיעה האָט אַ יונגער דיכטער געפּרוּווט מאַכן דעם ערשטן קוועטשנדיקן איבערן שטעטל פאַר יענער צייט.

## „די יסורים פון יונגן ווערטער" — דעם שרייבער

מיר וועלן זיך צוריקקערן צו דעם פריינט אונדזערן, מיט וועלכן מיר האָבן אין די ערשטע קאַפּיטלען צוזאַמען באַטראַכט די סביבה, וואָס רינגלט אונז אַרום. צו יענעם „צרהדיקן אינטעליגענט", וואָס ווייטיקט אַזוי טיף איבער דאָס אַלץ, וואָס קומט פאָר. דער בלייבט שפּעטער אין זיין מערהייט נישט קיין ליטעראַטור־קאָנסומענט, זיין אַנטוויקלונג פירט צו זעלבסטשטענדיקער קולטור־שאַפונג, אין אונדזערע יידישע באַדינגונגען, באַטייט דאָס בלויז אין געביט פון ליטעראַטור. דער סטימול צו דער שאַפונג איז זיין באַזונדערער קוק אויף דער באַוועגונג אַרום, דער קאָליר, וואָס אָט דער וווּנדערלעכער און אַזוי פאַרשידנאַרטיקער פּייזאַזש כאַפּט אין זיין אויג. און אין דעם ווערק, וואָס איז זיינס אַליין, וווּ ער דאַרף זיך נישט איבערצוברעכן, קיין שום נויטווענדיקייט קען אים נישט צווינגען צו פאַרביינגן דעם אמת — אין דעם ווערק קומט די אויפלייזונג. ער באַפרייט זיך אויף אַ צייט פון דעם סגנון מיט סתירות, פונם דערקענטן נאָנסענס, וואָס געוועלטיקט, ער האָט אים באַצוווּנגען, ווייל אויסגעשטעלט פאַר די אויגן פון דער... וועלט (פאַרגינט אים די אילוזיע).

נאָר גליקלעכער איז אין דער הינזיכט געווען יענער דור פאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס איז נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905, אין פּעריאָד פון דער רעאַקציע, געקומען צו דער ליטעראַטור זיך מתוודה זיין און בויען. פאַר זיי איז נאָך געווען געגנוג פריי אָרט, אַן אַנדערע אַטמאָספער. איך האָב אויף עטלעכע ערטער זיך שוין פאַרנומען מיט די אַנטוויקלונגס־מע־

לעכקייטן פאַר דעם היינטיקן אָנקום אין דער יידישער ליטעראַטור, מיינע ווערטער זענען צום לייענער נישט דערגאַנגען — זיי ליגן נאָך ביי מיר ערגעץ אין שופלאַד. פונדעסטוועגן איז מיר שווער נאָכאַמאָל אויספּירלען אויף די באַדינגונגען זיך אָפּצושטעלן. איך וועל די שוועריקייטן דאָ נאָר אויסרעכענען סטאַטיסטיש, פּונקט נאָך פּונקט. אַלזאָ: 1) אין דער טאָג־צייטונג איז אַלץ: דער זעצער, דער רעדאַקטאָר, דער קאַסירער — אַלץ איז אויסגעמישט אין איין קעסל — קאָאָפּעראַטיוו. פאַר דער עקזיסטענץ פון די אינסטיטוציעס, איז׳ס אפשר אַ גוטער אויפטו, פאַרן צוקומען; פון פרישע כחות — זייער אַ שעדלעכער. די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו אַליין וועלן זיך שיצן קעגן דעם מיט ציין און נעגל. אַנדערע, ליטעראַרישע, צי געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון קומען ווייניק אין באַטראַכט. ס׳איז פּרנסה, שטיי און היט! וועגן די פּאַרטייאישע אויסגאַבן רעדן מיר דאָ אינגאַנצן נישט.

2) זשורנאַלן איז אַ חוץ פּאַרטייאישע, נאָר דאָ איינער, אָדער פּעריאָדיש נאָך אַ צוויי. די געשעפטן גייען נישט אַזוי גלענצנדיק. אין געלט שטיקט מען זיך, דער פאָרמאַט איז אַ קליינער — פאַר אַ ליד קען זיך געפינען אַ פּלאַץ. קיין פּראָזע ווערט אינגאַנצן נישט געדרוקט. אַן אַרטיקל אָדער אַ רעצענזיע קען זיין זייער אַ קורצע — אַן אַרטיקעלע, אַ רעצענזיעלע.

3) אַ יונגער שרייבער, ריכטיקער אַן אָנהייבער, וואָס איז באַשעפטיקט — קען כמעט אינגאַנצן נישט פּרוּוון אוועקצוגעבן זיינס אַן אַרבעט אין רעדאַקציע. אַ רעדאַקטאָר נעמט אויף מערסטנטיילס אין שעהן פון אַרבעט. אָבער אויך אין די שעהן איז ער כמעט קיינמאָל נישטאָ אין רעדאַקציע. ס׳הויבט זיך אָן אַ נאָכלויפן, וואָס עקלט שוין פאַרן גאַנצן ענין. און ס׳איז דאָך נישט קיין וווּנדער. וואָס פאַר אַ באַציאונג קען האָבן אַן אונטערנעמער, וואָס זיין ציל איז פאַרדינסט, צו אַ מענטש, וואָס ביט אַן זיין סחורה אומזיסט? ווייל גליקלעך איז דער אָנהייבער דערמיט, וואָס זיין אַרבעט ווערט געדרוקט. קיין האָנאָראַר צאָלט נישט דער פּראָגרעסיווער קאָאָפּעראַטיוו פאַר אַזאַ אַרבעט, ער איז דאָך עפּעס נישט קיין פּריוואַטער אויסנוצער און אַן איינציקן ליטעראַ־

ריזש זשורנאַל אויף יידיש דאַרף מען דאָך זיכער אונטערשטיצן. צאָלט ער איינגאַנצן נישט קיין האָנאָראַר.

4) איך האָב נישט אין זינען איצט צו באַהאַנדלען דעם ענין פון איבערפּראָדוקציע אין דער ליטעראַטור. ס'איז אַ גאַנץ עלאַ־סטישע פראַגע, וואָס פאַרלאַנגט אַ גענויע פאַנאַנדערשיילונג. אָבער אין אונדזער ענין איז דאָך טרויעריק דער אמת — אַז ס'האָט דאָך טאַקע קיינער פון די רעדאַקטאָרן נישט באַשטעלט ביים אָנ־הייבער דאָס אַרטיקל. מ'האָט נאָך אים, ווי מ'זאָגט עס אויף פּראָסט יידיש, נישט געשיקט...

5) אַ יונגער שרייבער, וואָס איז באַשעפטיקט, קען אין אַ פּעריאָדישן זשורנאַל אַפילו פון „יונגע", אויך זעלטן אָפּדרוקן אַן אַרבעט. ס'פאַרלאַנגט צייט, מ'דאַרף קומען אין פאַריין. און אין קיין שום סביבה שטעלן זיך די באַציאונגען צווישן מענטשן נישט איין אַזוי שווער, ווי גראָד אין קרייז פון שרייבער און קינסטלער.

6) קיין פאַרלאַגס־וועזן עקזיסטירט כמעט איינגאַנצן נישט. אויב אַ ניי בוך, למשל, איז געצייכנט „פאַרלאַג ליטעראַרישע בלע־טער", און דאָס בוך איז דערשינען ווי אַ פּרעמיע צו די „ליט. בלעט." — איז דעמאָלט אַלץ אין אָרדענונג — דער פאַרלאַג האָט זיין אויפגאַבע דערפילט. אָבער די אַלע ביכער, וואָס דערשיינען נישט אַלס פּרעמיע, צייכנט זיי דער פאַרלאַג נאָר אונטער אויף דער בקשה פון די יונגע מחברים — אַ סגולה אַזאַ צום פאַרקויפן. די מאַרקע איז נישט מער ווי פאַרן לייענער. אַלע הוצאות האָט גע־דעקט דער יונגער מחבר.

7) און די הוצאות זענען נישט קיין קליינע. אַ דרוקבויגן פון 32 זייטן נאָרמאַלן פאָרמאַט, ביי אַ טויזנט עקזעמפּלאַרן קאָסט בערך 100 זל. אַ ביכעלע פון אַ הונדערט זייטן טרייבט אַריין בכן אין 250 זל. אַ ריזיקע סומע פאַר אַ יונגן שרייבער אין אונזער היינטיקער ווירקלעכקייט. פונדעסטוועגן זעען מיר, אַז ס'דערשיינען לעצטנס פאַרהעלטנישמעסיק אַ סך אויסגאַבן און גראָד פון יונגע. אפשר וועט עמעצער וועלן געפינען דערין אַ באַשטעטיקונג פונעם „נאַטירלעכן אָפּקלייב"־פּראָצעס — זאָל עס אים ווויל באַקומען.

ס'וואָלט זיך געלאָזט אפשר עפּעס אויפטון צו מילדערן די־

שוועריקייטן. סיי־ווי זענען מיר קרובים פון דאָן־קישאָט און פאַר־מעסטן זיך נאָך אַלץ מיט די ווינטמילן, טאָ שעם זיך נישט, פריינט, צו שטעלן אַזאַ מין פאָרשלאַג: קיין שום יונגער שרייבער טאָר נישט דרוקן זיין ארבעט אין אַ פרעמדער אויסגאַבע (אַ צייַטונג צי אַ זשורנאַל) פאַר אומזיסט. ס'וואָלט קודם־כל דערגרייכט געוואָרן אַן אַנדערע באַציאונג מצד די רעדאַקטאָרן צום „מאַנו־סקריפטן־ברענגער". כ'ווייס, דאָס אַלצדינג, וואָס מ'קען דאָ אויסזעצן קעגן: אַ פאַרפלייצונג פון גראַפאָמאַנען, דעם ציניזם פון אונזערע רעדאַקטאָרן: מ'וועט זיך נישט מיאוסן מיט דעם מאַטעריאַל צו באַנוצן. נאָר מיינע רייד זענען דאָך סיי־ווי פאַרן ווינט — ס'וועט זיך דאָך נישט געפינען קיין אַקטיווקייט ביי יונגע שרייבער צו באַטראַכטן אויף אַ מינוט דעם פאָרשלאָג — זאָל ער דעריבער זיין ארויסגעזאָגט. און איצט שוין אַן עצה, וואָס האָט די מעלה, אַז זי דאַרף נישט וואַרטן אויף דער סאַנקציע פון אַ רבים. געפעלט זי וועמען, קען ער זי אַליין גלייך אַדורכפירן. דהיינו: אַ יונגער שרייבער אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, דאַרף זיך נישט אָפּרייסן פון דער ענגער סביבה, מיט וועלכער ער איז צוזאַמען געוואַקסן. אין דער פרעמד האָט ער איצט נישט קיין מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך, ער פילט זיך פאַרגעסן פון דעם אַרום און באַזייטיקט. אין זיין אייגענער סביבה, מיט וועלכער ער איז צוזאַמען געוואַקסן, הערט מען זיך צו צו זיין וואָרט און ער האָט איר וואָס צו זאָגן. זיינע שאַפונגס־כחות ווערן געוועקט — ער פילט זיך נישט אָפּגעריסן, נאָר אין אַ היים.

וואַרשע, האַרבסט 1937.

**Jechiel Wortman – Arum Undz**

DRUK. „ESPERO" W-WA TEL. 11-28-24